STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01232

# EYNER TSVISHN MILYONEN

Mark Razumny

*Permanent preservation of this book was made possible by Abraham Rachlin in memory of Sylvia Newburger Rachlin*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



1505

מארק ראזומני

# איינער צווישן מיליאָנען

פון אַן אמעריקאַנער נסיעה

ריגע, 1930
„ביכער פאַר אַלעמען"

דעקל=צייכענונג פון
קינסטלער י. פרידלענדער
ניו=יאָרק

געדרוקט אין „ספלענדיד“
ריגע הערן גאס 21 טעל. 27249

# ווי אַ שיף אויפֿן ים...

שוין עטלעכע טעג, ווי מיר געפינען זיך אין דער לעצטער שטאָט פון אייראָפּע, אין דער האַמבורגער עמיגראַנטן=שטאָט. ווײַטער, צו מעריב=זײַט, שפּרייט זיך שוין דער ים, און יעדן טאָג גייען מיר אַהין און קוקן אים אָן מיט פאַרבײַנקטע אויגן. עס ווילט זיך שוין פאָרן. עס ווילט זיך שוין זיצן אויפֿן שיף. אָבער דערווייל זיצן מיר דאָ, מיר מוזן דורכמאַכן קאַראַנטין. מיר קומען פון די חשודיקע (סאַניטאַר=היגיעניש) מדינות אין מזרח=אייראָפּע. יעדער טאָג איז אַ יאָר.

סוף=כּל=סוף רוקט זיך שוין אָן דער טאָג פון אָפּפאָר. אויפֿן רוקן פון אַ מעכטיקן שטורעם קומט ער. ס'איז אַ ווינטערדיקער באַגינען. די טײַטשקע קלאַפּט אָן אין טיר „אויפשטעהן"! איך שפּרינג אַראָפּ פון געלעגער, כאַפּ אַ דרינזשיק, קוק אַרויס אין דעם פינסטערן פאַרטאָג—לאַנגע שורות באַלויכטענע פענסטערן. איבער די שויבן גליטשן זיך דריבנע=דריבנע טראָפּנס רעגן, און באַלד דערטראָגן זיך פייערלעכע אָרגל=טענער. אַ געזאַנג הילכט אָפּ. דאָס פּראַוועט מען אין קירך אַ גאָטעסדינסט.

די צייט איז אַן אומרויקע, אויפֿן ים בושעווען שטורעמס, יעדן טאָג ברענגט דער טעלעגראַף ידיעות וועגן אונטערגעגאַנגענע און שווער=באַשעדיקטע שיפן, — און מענטשן נעמען זיך פאַר דער נסיעה מפּיס זײַן דעם אויבערשטן מיט אַביסל געזאַנג, מיט אַ טראָפּעלע תּפילה. אולי ירחם!

אויפגיך זיך גרייט געמאַכט, פאַרקלאַפּט דעם לעצטן

קופערטל, און מיר קלייבן זיך שוין אין די גרויסע וואַרטזאַלן. צוויי טויזנט פּאַסאַזשירן—אַלע מיט טיאַכקעדיקע הערצער, מיט אומרויקע אויגן, מיט פּיבער פון דערוואַרטן און ציטערדיקע שפּיצפינגער. דער ערשטער און צווייטער קלאַס האַלט זיך באַזונדער. אַנגעבלאָזענע אַריסטאָקראַטן. זייער צאָל איז ניט גרויס, אָבער גרויס זיינען זיי אין איכות, אין שטאָלץ און זעלבסטבאַוווסטזיין. דאָס רוב פּאַסאַזשירן באַשטייט פון דריטן-קלאַס-פּאָרער, ווי עס פירט זיך שוין. מענטשן פון כלערליי מינים, פון כלערליי פעלקער און פאַרבן. עס וואַרפן זיך אפילו דורך עטלעכע נעגערס און געלהויטיקע אַזיאַטן. אַ באַזונדער פּאַסאַזשירן-מאַסע בילדעט דער טוריסטן-קלאַס: אינטעליגענטן, וואָס פּאַסן זיך ניט אַריין ניט אין אַ נידעריקערן, ניט אין אַ העכערן קלאַס, וואָס פאָרן נאָר באַזוכן אַמעריקע, זיך באַקענען מיטן דאָרטיקן לעבן. צווישן זיי — געלערנטע, שריפטשטעלער, מוזיקער. אַ ספּעציעלער עולם.

עס גייט אַוועק אַ שעה-צוויי. עס ווערט ליכטיקער. דער רעגן שטילט זיך ביסלעכווייז איין, און ס׳קומט אָן אַ צוג און פירט אונז אָפּ קיין קוקסהאַפען, פונוואַנען די שיף גייט אָפּ. מיר פאָרן עטלעכע שעה איבער פאַרפרוירענע, סקוידנע לאַנקעס, צווישן שיטערע, זומפּיקע וועלדער, דורך פאַרנעפּלטע, פאַרויכערטע פאַבריק-שטעטלעך. צום סוף דערזעען מיר שוין פונדערווייטן דעם דאַמפּער „דייטשלאַנד“. מיר פאָרן צו דאַרט צו אַ גרויסן באַראַק, גייען דורך אַ פּאַס- און בילעט-קאָנטראָל, און קומען אַרויס צום ים-ברעג.

דער שטיינערנער ברעג איז נאַס און גליטשיק, און אין זיין גלאַנציקער אויבערפלאַך שפּיגלט זיך דער קאָלאָסאַלער רומף פונם דאַמפּער און זיינע גיגאַנטישע צוויי קוימענס, וואָס יעדער איינער האָט די גרעב פון אַ מאַן

צען, אויסגעשטעלט אין א קרייז. אויפן דעק פון ערשטן קלאס שפילט די שיף־קאפעליע בראווורע מארשן, און דאס טרומייטערן און פייקלען מישט זיך אוים מיט די שקאציקע פייפערייען פונם ווינט. און זיי צאנקען אונטער די גריל־צן, אזוי ווי שוועבעלעך אונטערן בלאזן פון א שמיד־בלאזאק.

ביים ארויפגיין אויפן שיף ווערט יעדער פאסאזשיר אויפגעכאפט אונטער די ארעמס, אזוי ווי א בייגל, און אײ־דער ער באוויזט זיך נאך אומצוקוקן, גיט מען אים אי־בער ווייטער, און אזוי ווערט ער ממש ארויפגעטראגן אויפן דאמפער דורך מאטראסן איבער א גאנצער סיסטעם פון געדרייטע טרעפלעך.

די עטלעכע טריט, וואס מען שטעלט איבערן ברעג פון באראק ביזן שיף, זיינען געוועזן די לעצטע אויף פעסטער יבשה. פון איצט אן וועט מען צען טעג צייט מער ניט פילן קיין הארטע ערד אונטער די פים.

עס ווערט ביסלעכווייז ליכטיקער. דער רעגן הערט אויף, אבער דער ווינט הייבט אן אלץ הילכיקער צו בלאזן. די פלאטפארמע פאר באגלייטער ווערט אנגעשטעלט מיט מענטשן, וועלכע מוזן זיך פעסט אנהאלטן אן די פארענט־שעס און איינער אן אנדערן, כדי דער שטורעם זאל זיי ניט אוועקרייסן פון ארט.

שעהנלאנג ציט זיך די אומויפהערלעכע שנירל פאסא־זשירן, די „דייטשלאנד" שלינגט זיי אלעמען אריין, און טוט זיך אפילו קיין קרים ניט דערביי. די מוזיק שפילט, דער ווינט פייפט, דער וואסער ארום אונז ברויזט, ווי א קאכקעסל, און פון דעק זעען מיר, ווי די קלענערע שיפן, וואס פארן אהין און צוריק איבערן האפן און ווייטער אין אפענעם ים, ווארפט עס ווי ניס־שאלעכצלעך.

אין אַ פּאָר שעה אַרום ראַמט מען אַראָפּ די
בּריקלעך, וואָס ציען זיך צווישן שיף און לאַנד, און דער
מעכטיקער גוף נעמט זיך פּאַוואָליע און אומגעלומפּערט,
הינטערווײלעכס, אָפּרוקן פון שטײנערנעם בּרעג. אַלע פּאַ=
סאַזשירן שטײען אויפן דעק, פאָכען מיט טיכלעך. די
בּאַגלײטערס אויפן בּרעג ענטפערן מיט הילכיקע געשרײען,
מיט געזאַנג, און דער ווינט רײסט פון זײערע הענט די
טיכלעך און די היטלעך, מיט וועלכע זײ שיקן דעם לעצטן
גרוס די אָפּפאָרנדיקע.

„דײטשלאַנד" דרײט זיך אוים מיטן פּנים צום אָפּע=
נעם ים, בּרויזט נאָכמער אויף מיט אירע שרויפן דעם שוין אַזוי
אויך בּרויזיקן ים, לאָזט זיך אַוועק מיטן פולן שוווּנג אין
וועג אַרײַן. נאָך אַלץ בּאַגלײט דורך אויסרופן פון די
בּאַגלײטערס, וועלכע ווערן איצט אַלץ מער און מער פאַר=
הילכט דורך ווײטקײט און שטורעם.

פון אונזערע אויגן פאַרשווינדט בּיסלעכווײז דער אײראָ=
פּעישער בּרעג. אָט איז שוין געקומען דער לעצטער מאָ=
מענט. יעדער זאָגט אין האַרצן דעם לעצטן זײ=געזונט
דער אַלטיטשקער אײראָפּע, אונזער מאַמען, א סך ווישן
בּגנבה אָפּ אַ טרער, און מיר זײנען שוין אין אָפענעם ים,
אין דער מאַכט פון די צעווילדעוועטע, צעהוליעטע גרינע
כוואַליעס.

אונזער שיף הײבּט זיך אָן וואַקלען, מיר פאַרלירן
בּאַלד דעם גלײכגעוויכט, דעם בּאַוווּסטזײן פון פעסטן אָנ=
האַלט. דער גרין=אויגיקער געשפּענסט פון ים=קראַנקהײט
שטעלט זיך יעדן אײנעם אנטקעגן, און עס הײבּן אָן פאַלן
די ערשטע קרבּנות.

דעם ערשטן טאָג און די נאַכט ליגן שוין אַלע צווײ

טויזנט פּאַסאַזשירן קראַנק. פון אַלע קאַיוטעס טראָגט זיך אַ קרעכצן און אַ יאָמערן. דיעניקע חולאים, וואָס ליגן אין די אויבערשטע בעטלעך, שווינען ניט די אונטערשטע. אָבער ווער קוקט דאָס אויף עפּעס אין אַזעלכע מאָמענטן. בעת עס דאַכט זיך, אַז די וועלט גייט אונטער, בעת אין מח פּויקט, ווי מיט טויזנט האַרמאַטן, און יעדער שפּריז פון שיף איבער די כוואַליעס רייסט אַרויס אַלע אינגעווייטן! איך בין זיך אויך מודה אין מיינע זינד: מיין אונטערשטער שכן איז געווען אַ גלח, און אויב עס איז טאַקע פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט, ווייס איך ניט, אויב ער וועט מיר מוחל זיין די אַלע צרות, וואָס איך האָב אין יענער נאַכט אָנגעטאָן זיין דינער.

אָט אַזוי האָט זיך געצויגן די שרעקלעכע נאַכט אָן אַ סוף, ביז אין דעם קליינעם קאַיוטן־פענסטערל האָבן דאָך אָנגעהייבן אַריינקוקן די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון. און אַ נס איז געשען: מיר האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל דערפילט מונטער און פריש, האָבן אַראָפּגעוואַשן פון זיך די סימנים פון מענטשלעכער שוואַכקייט, זיך אָנגעטאָן און אַרויס אויבן. עס איז געווען אַ פּרעכטיקער פרימאָרגן. די זון האָט געמאַכט חנדלעך צום באַרויקטן ים, און דער ים האָט איר אָפּגעענטפערט מיט אָן אַ צאָל קאָקעטישע אויגעלעך, וואָס האָבן אַרויפגעפינטלט פון יעדער כוואַליעכל. די שיף האָט זיך געגליטשט פּאַוואָליע און מאַיעסטעטיש, און מיר זיינען אַרומגעגאַנגען איבערן דעק, ווי די פּרינצן, אָנגעטאָן אין די בגדי־מלכות פון זון און געזאַלצענער און פּראָסטיקער ים־לופט, און האָבן זיך געווויצלט איבער אונזער נעכטיקער שפלות און איבער די פּאַסאַזשירן, וואָס זיינען נאָך היינט אויך געבליבן ליגן אין זייערע בעטלעך.

ביים פרישטיק האָט געשפּילט מוזיק, און מען האָט

אונז געטיילט דעם ערשטן נומער פון דער „אטלאנטיק־פאָסט" — אַ צייטונג אויף ענגליש און דייטש, וואָס ווערט געזעצט און געדרוקט דאָ אויפן שיף גופא. אין דער צייטונג זיינען געבראַכט געוועז די לעצטע ראַדיאָ־טעלעגראַמעס, און עס איז אויך אָפּגעדרוקט געווען די רשימה פון אלע פּאַסאַזשירן. און דאָ, ווען יעדער האָט דערזען זיין נאָמען געדרוקט, האָט מען זיך ערשט אָנגעהויבן פילן האָפערדיקער. איצט, הייסט עס, איז יעדער געוואָרן אַ בירגער פון דער רעפּובליק „דייטשלאַנד", וואָס שווימט איבערן אָקעאַן מיט אירע 21 טויזנט טאָן און מיט אַ משא פון 2000 געזונטע און קראַנקע, לעבנסלוסטיקע און פאַרצווייפלטע, רייכע און אָרימע מענטשן.

און ס'איז אַוועק אַ סדרה לעבן אין דער־דאָזיקער שווימענדיקער רעפּובליק. איין טאָג האָט זיך געגליטשט נאָכן אַנדערן, איין אָוונט נאָכן אַנדערן. אַ לעבן — אָן דעם ריח פון וואָכעדיקייט, אַ לעבן מיט אַ לייכטן הויך פון ראָמאַנטישקייט און יומטובדיקייט. אַ לעבן אין אַ שטאָט פון לייַדיקגייערס, פון געצווונגענער ליידיקגייערײ, אַ לעבן פון הוילן גלאַנץ, וואָס איז אָבער פון צייט צו צייט דאָך פאַרטונקלט געוואָרן מיט פאַרשיידענע נויט־געוווּנטשענע אינטערמעדיעס. אַ לעבן פון פאַרווײלונגען און פון זאָרגלאָזיקייט, וואָס איז שוין אָפּטמאָל אפילו פריקרע געוואָרן, אַ לעבן, פאַרהוילכט מיט מוזיק און געזאַנג, פאַרנומען מיט הוילער פרעסערײ און שלאָף, אויסגעפילט מיט כסדרדיקע מאָלצייטן, בעלער, מאַסקאַראַדן, פאָרשטעלונגען און פלירט, פלירט אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג.

אום אַכט אינדערפרי עסן מיר פרישטיק, אום צען איז שוין ווייטער אַ פרעסערײ, אום צוועלף איז מיטיק, אום דרײַ — קאַווע, אָבער די הויפּט־מאָלצייט, דער הויַ־

ליקער „דינער", איז אום זעקס. דעמאָלט מוזן אַלע קומען אויסגעפּוצט אין די בעסטע בגדים, מוזיק שפּילט, פלינקע סטיואַרדס טראָגן אַרום מאכלים אָן אַ צאָל, און מען זיצט אַפּ ביים טיש אַ גאַנצע שעה צייט. נאָכדעם קומט יעדן אָוונט פאָר אַ פאַרוויילונג — אַ טאַנץ, אַ ביר־אָוונט, אַ מאַסקנבאַל, אַ קינאָ־פאָרשטעלונג—און מאָדנע פילט מען זיך, בעת מען זיצט אַזוי ביי אַ גלאָז ביר, אָדער מען קוקט אויף האַראָלד לאָידס קונצן, און מען הערט, ווי הינ־טערן וואַנט רוישט און בושעוועט דער אָקעאַן, און זינגט זיך זיין אייביק, בראשיתדיק לידעלע.

אָבער דערמיט איז נאָך ניט געענדיקט. ווייל נאָך יעדער פאַרוויילונג איז מען דאָך ווייטער אויסגעהונגערט, און די סטיואַרדס טראָגן ווייטער אַרום בלעךליי קאַלטע מאכלים, און דער עולם שלינגט ווייטער אַלץ אַריין מיט אַן אַפּעטיט פון עוג־מלך־הבשן, כדי נאָכדעם איינצושלאָפן מיט אַ געהרגעטן שלאָף. ווייל אין קיין אָרט אין דער וועלט עסט מען ניט אַזוי פיל און אַזוי געשמאַק, ווי אויף אַ שיף. מען פילט נאָר די גאַנצע נאַכט, ווי מען ווערט צערטלעך געוויגט, אַזוי ווי אין די קינדער־יאָרן פון דער מאַמעס האַנט.

צו אונז, אין טוריסטן־קלאַס, קומען יעדן אָוונט אַריבער פּאַסאַזשירן פון צווייטן קלאַס, ווייל ביי אונז איז לוסטיקער, ווי ביי זיי זיי האָט געקאָסט אַסך, ביז זיי האָבן אָפּגעוואָרפן זייער שטאָלץ און דאָך געקומען צו אונז — אָבער די ערשט־קלאַסיקע קאָנען דאָס דאָך ביי זיך ניט פועלן. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זיינען נעבעך אויף גרויסע צרות, און זיי איז זייער אומעטיק, זיי זיינען אינגאַנצן זעכצן מאַן, און אַלע זעכצן מאַן ווערן ממש דערשטיקט אין זייער עלע־גאַנטער פאַרלאָזנקייט און עס איז נעבעך אַ רחמנות אויף

זיי. ווען מען גייט דאָרטן פאַרביי, זעט מען מענער אין סמאָקינגס און דאַמען אין באַל־קליידער, וואָס ריידן נאָר מיטן לשון „יעס, סער", „נאָו, סער". זיי זיינען שטייף, ווי ליאַלקעס, און מען זאָגט: אינדערפרי שווינקען זיי די העל־זער מיט שאַמפּאַניער. איבעריקנס — פון ים־קראַנקהייט ליידן זיי אויך, פונקט אַזוי ווי אַלע, נאָר מען זעט דאָס נישט: זיי פאַרשליסן זיך אין זייערע קאַיוטעס און ברעכן גרין און גאַל, אָנגעטאָן אין די סמאָקינגס און אין די באַל־טואַלעטן.

מיר האָבן אויך עטלעכע פּאַסאַזשירן אין די קאַבי־נעס דע־לוקס. דאָס זיינען שוין גאָר אויסערגעוויינטלעכע פּאַרשוינען. זיינען זיי גאַנצע טעג איינגעשלאָסן אין זייערע קאַבינעס, אַזוי ווי זעלטענע וווּנדער־פייגלען, און מען דער־ציילט זיך וועגן זיי נסים ונפלאות. אַזאַ קאַבינע קאָסט טויזנט דאָלאַר. און דאָרטן פאָרן נאָר אַמעריקאַנער מיליאָ־נערן, אייראָפּעיִשע אָרימע פּרינצן, וואָס פאָרן אין אַמעריקע טאָן אַ שידוך, און אינדישע מאַהאַראַדזשעס. אויף אונזער שיף פאָרן טאַקע אַלע די דריי מינים פּאַסאַזשירן. נאָר זען זעט זיי קיינער נישט. אָדער זיי זיינען שטאַרק פאַר־נומען מיט שרייבן געשעפט־בריוו, ליבע־בריוו און מעמוּ־אַרן, אָדער זיי זיינען ים־קראַנק.

אָבער דערפאַר, ווען מען גייט אַריין אין פאָדערשטן טייל פון שיף, אין דריטן קלאַס, טונקט מען זיך שוין אָפּ גאָר אין אַנדער לעבן. דאָ זעט מען די אַלטבאַקאַנטע בילדער, די גרופּעס אויסוואַנדערער, וואָס זיצן אויף זייערע קלומיקעס. די סך אָפּגעריסענע קינדערלעך, פאַרחושכטע פרויען, מען הערט זיך אָן קלאָנגלידער אויף אַלע לשונות. מען גייט אַראָפּ אַלץ טיפער און טיפער, און אומעטום, אין דער שרעקלעכער, פאַרשטיקטער לופט פון דעם טיפן שיף־טרוים ליגן מענטשן, ממש איינער אויפן אַנדערן, צו זעקס

און צו אַכט אין אַ קאַיוטקע, וואָס איז קליין ווי אַ הינער־שטייגל.

דאָרטן—אַזוי פיל לוקסוס, גלאַנץ, זאָרגלאָזיקייט — און דאָ — אומעט, עלנט, פאַרזאָרגטקייט, חושך, אָרימקייט.

און די שיף שפּאַלט אַלץ ווייטער מיט איר מעכטיקער נאָז דעם צעררודערטן לײַלעך פון אָקעאַן, און די כוואַליעס טוליען זיך צו אירע זייטן, לעקן איר, צערטלען איר, פּאַטשן איר, און זינגען אָן אַ סוף זייער אייביק לידעלע, זיך ניט קימערנדיק, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק, וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט, בײַ די מענטשן.

# ביי די טויערן פון ניו־יאָרק

מאָרגנע גוט און מונטער האָבן מיר זיך אַלע דער־פילט אין יענעם פראָסטיקן, קלאָרן פרימאָרגן, ווען אונזער שיף איז שוין אריין אין די ניו־יאָרקער וואַסערן. בעת דער דאַמפּער, אין וועלכן מיר האָבן זיך צען טעג געהוי־דיעט איבערן שטורמישן, קאַפּריזן אָקעאַן, האָט זיך אָנגע־הייבן דערנעענטערן צו דעם ענדציל פון דער נסיעה, האָבן אַלע צווייטוויזנט הערצער מיט אומגעדולדיקער פרייד מיט־געפּויקט צום טאַקט פון זיינע מאַשינעס.

ווי גוט מען זאָל זיך ניט האָבן געפילט אויפן שיף, ווי פיין מען האָט דאָרטן אויך ניט פאַרבראַכט די צייט, ווערט עס סוף כל סוף דאָך פריקרע, — אָטדאָס שטענ־דיקע וואַקלען זיך און הוידיען זיך און דאָס הפקר זיין און ניט נאָר דערפון אַליין ווילט זיך גיכער באַפרייען. ניין. מיר מיינען דאָך, אַז מיר זיינען גאָר דאָס אױ־בערשטע פון שטויסל, און דאָ, אויפן בוזעם פון ים, זעט מען, אַז עס איז גאָרניט אַזוי אַי־אַי, אַז מיר זיינען מער ניט, ווי אַ שפּילכל, און אַז נאָר אַ דינער אייער־שאָלעכצל (וויל ניט מער ווי אַן אייער־שאָלעכצל זיינען דאָך די צוועלף־צאָליקע משוגון־ווענט פון שיף לגבי די כוואַליע־דיקע בערג אויפן אָקעאַן) באַשיצט אונז און באַשירעמט אונז, — אַז אָך און וויי! — פון דער צעבושעוועטער אייביקייט. און בעת עס קומט שוין אָן די צייט, ווען מען דערשפּירט, אַז מען הייבט זיך ביסלעכווייז אָן אויסצוטאָן פון דער ווילדער, צעשטורעמטער מאַכט, מען דערפילט, אַז פּאַמעלעך הייבן די פיס שוין אָן זיך צו קלעמען צו פעסטער ערד (דער־

קווײל נאָר אין באַוווּסטזײַן, ווײַל די שיף וואַקלט זיך נאָך אַלץ ווי פֿריער, און נאָכמער), שטעמט מען עפּעס אָפּ פֿרײַער.

די לעצטע נאַכט אויפֿן ים האָט די שיף־אַדמיניסטראַציע געמאַכט פֿאַר די פּאַסאַזשירן אַ באַנקעט, וועלכער האָט זיך אָנגעהייבן מיט ווײַן, מיט טאָסטן לכּבוד דעם קאַפּיטאַן, מיט סורפּריזן פֿאַר די פּאַסאַזשירן, און האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט מאַסקעס, טענץ און מוזיק. מען איז געגאַנגען שלאָפֿן שפּעט, מיט אַ שווערן קאָפּ פֿון שכּרות (עס איז געווען די לעצטע נאַסע נאַכט פֿאַר אַלע פּאַסאַזשירן, ווײַל באַגינען ווערן שוין פֿאַרזיגלט אַלע פֿעסלעך און פֿלעשלעך מיט משקה, און עס הייבט זיך אָן די אַמעריקאַנער „פּראָהיבישן"). אָבער ניט געקוקט אויף דעם, זײַנען שוין באַגינען אַלע געווען אויף די פֿיס, און אַ יום־טובֿדיקער שטימונג זיך געשטעלט אויפֿן דעק און בײַ די איליומינאַטאָרס אויסקוקן דעם אַמעריקאַנער ברעג, אַ קוק טאָן אויף דער לאַנג־דערוואַרטער און לאַנג־אויסגעחלומטער פֿרײַהייט־סטאַטוע.

דער פֿרימאָרגן איז געווען זייער אַ קאַלטער. איבערן ים האָט געבלאָזן אַ פֿרישער ברייז: די שיף איז געגאַנגען אַביסל געבויגן, און אַנטקעגן האָבן זיך געטראָגן מחנות טשאַיקעס — אַ סימן, אַז ערגעץ און ניט ווײַט איז טאַקע פֿאַראַן אַ ברעג. עס איז געווען אַזוי פּראָסטיק, אַז אין אַן אַנדער צײַט וואָלט געוויס דער גרעסטער טייל פּאַסאַזשירן געלעגן אין די קאַיוטעס און געליטן אויף ים־קרענק. אָבער איצט ניט — אין יעדנס מח האָט זיך געוועבט אַ מין גינגאָלדענע לעגענדע, אַ קווייטן־געפֿלעכט פֿון די ווערטער „לאַנד", פֿרעמדקייט", „פֿרייד", „אומדערוואַרטקייט", און די ים־קרענק האָט בײַ אַלעמען ווי אָפּגענומען מיט אַ האַנט; מען האָט געזען אויפֿן דעק גאָר נײַע פּנימער, גאָר נײַע

מענטשן, וועלכע זיינען די גאַנצע נסיעה געלעגן אין זייערע בעטן און האָבן זיך געשטיקט אין די אָרעמס פון דער געשפּענסטיקסטער און דערווידעריקסטער פון אַלע קרענק. איצט האָבן זיי צוזאַמענגענומען זייער בינטל אָפּגעשוואַכטע כּחות, זיינען אַרויף אויבן, כּדי אַליין, מיט אייגענע אויגן צו דערזען די נחמה.

און די זון הייבט זיך אַלץ העכער אין הימל, און עס דאַכט זיך, אַז וואָס העכער זי הייבט זיך, און וואָס מער שטראַלן זי וואַרפט אַראָפּ, אַלץ קעלטער ווערט עס. עס איז פּשוט נישט אויסצוהאַלטן פון קעלט. עמיץ פּרוּווט זיך וויצלען, אַז ער דערקענט אין דער קעלט אַמעריקע, ווייל דאָרטן איז דאָך אַלץ דאָס גרעסטע, אַפילו קעלט איז דאָרטן אויך די גרעסטע, אָבער דער פראָסט פאַרמאַכט אים באַלד די מויל. מיר שטייען אַלע, שווייגן, קוקן מיט אומגעדולד פאַר זיך, און יעדער רייסט זיך מיט אַלע חושים צו יבשה און לעכצט נאָך טריקעניש.

אין אַ ווײַלע אַרום באַקומען מיר שוין די ערשטע גערוסן פון אַמעריקאַנער ברעג. עס קומען אָן דאַמפּערס אָפּצונעמען די אייראָפּעיִשע פּאָסט, און זיי ברענגען אונז אויך בריוו פון אַמעריקע און ניו-יאָרקער צייטונגען. די פּאָסט-דאַמפּערס שטעלן זיך אַוועק פון ביידע זייטן שיף. מען הייבט אָן אַראָפּצולאָזן אין זיי די פּעק מיט פּאָסט. די אַרבעט גייט אָן אינמיטן גאַנג פון שיף, און אין משך פון געווים אַ שעה צייט גייט אונזער שיף מיט צוויי פּאָסט-דאַמפּערס פון ביידע זייטן, און דורך לאַנגע ברעזענטענע שלויכן, ווי דורך אָדערן, ווערט פון איר אַריבערגעצויגן די אייראָפּעיִשע קאָרעספּאָנדענץ. אַסך פון אונזערע פּאַסאַזשירן האָבן אויך באַקומען בריוו, און איצט טראָגן זיי זיך אַרום דערמיט מיט שטראַלנדיקע פּנימער: דאָס איז דער ערשטער לעבעדי-קער גערוס, וואָס זיי באַקומען פאַר די לעצטע צען טעג.

אַ ווײַלע אַרום ווערט שוין די גאַנצע שיף, אַלע דעקן און קאַיוטעס, אויסגעזייט מיט די גרויסע אַמעריקאַנער לײַלע־כער־צײַטונגען.

מען זעט שוין ניט איינער דעם אַנדערן, מען אינטע־רעסירט זיך שוין ניט מער איינער מיטן צווייטן. מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעבונדן בעת דער נסיעה, וואָס האָבן זיך געקלעפּט איינער אָן אַנדערן, האָבן שוין איצט ווייטער זיך איינגעוויקלט אין דעם פּעקל אייגענע דאגות און אייגענע פרײַדן. מען לייענט בריוו, צײַטונגען, מען שמייכלט, מען איז אומעטיק, מען לאַכט. יעדער איז פאַרטאָן מיט זיך, מיט זײַן אייגן וועלט.

אַט קומט שוין אָן די שיף, וואָס ברענגט אימיגראַ־ציע־אינספּעקטאָרן און דאָקטוירים. די באַאַמטע, אין גראָע, וואָכעדיקע אוניפאָרעמס, מיט וואָכעדיקע פּנימער, קומען אַרויף. עס הייבט זיך אָן די גראָע, וואָכעדיקע אַרבעט. נאָך די קלאַסן נאָך ווערן די פּאַסאַזשירן אויסגעשטעלט און פאַר־גענומען. די ערשטקלאַסיקע ווערן אויסגעהערט נאָר לשם פאָרמאַליטעט, מען שטעלט זיי יעדן נאָר צוויי פראַגן, און מען לייגט אַרויף אויפן פּאַס דעם שטעמפּל. דער צווייטער קלאַס גייט אויך לײַכט דורך... דער עיקר שווערקייטן האָבן אויסצושטיין די פּאַסאַזשירן פון טוריסטן־קלאַס און די פון דריטן קלאַס. זיי ווערן אויסגעפרעגט, און ווי נאָר עפּעס אַ קלייניקייט קומט דעם באַאַמטן ניט גלאַט פאַר, — נעמט ער אָפּ בײַם פּאַסאַזשיר די קאַרטע, אָן וועלכער מען ווערט פון שיף ניט אַראָפּגעלאָזן. דעמאָלט ווערט ער אָפּגעשיקט קיין עליס־אײַלענד.

איך פאַל אויך אַרײַן צווישן די עליס־אײַלענדער. צו־זאַמען מיט נאָך אַ פּופציק פאַרשוין. מען געפינט עפּעס אַ פּגם אין אונזערע פּעסער, צי אין אונזערע תשובות. דאָס רוב פון די פאַרהאַלטענע זײַנען פאַרצווייפלט, ווײַל זיי האָבן

פּחד, מען וועט זי קאַריקשיקן. אָבער מיט איין זאַך איז
אונז איצט גוט, בעסער פון אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירן: זיי
מוזן זיך פּאַקן, גרייטן צו פאַרלאָזן די שיף. מיר זיינען
אָבער פריי, שטייען אויפן דעק און קוקן, ווי דער דאַמפער
גליטשט זיך צו ניו=יאָרק צו.

איצט אַנטפּלעקט זיך פאַר אונזערע אויגן ניו=יאָרק
אין איר גאַנצער וווּנדערלעכער שיינקייט. אַזוי, ווי אַ לעַ־
גענדע, ווי אַ מעשהלע ניט פון פאַרגאַנגענע. נאָר פון קו=
מענדיקע צייטן, שווימט זי אַרויס פון דעם גאָלדענעם, זון־
פּראָסטיקן נעפּל, מיט די הונדערטער פאַנטאַסטישע קעפּ פון
אירע בונטאַרישע וואָלקנקראַצערס. די שלאַנקע שוואַנען־
העלזער פון אירע בנינים רייסן זיך מיט חוצפּה אין דער
בלאַס־בלאָער יריעה פון הימל, און טיטלען אין אַלע זייטן
מיט די ביינערדיקע פינגער. און אונז, די פאַרהאַלטענע
האָט עס מיט אַ משונהדיקן כח געצויגן אַהין, אין אָטעם
ניו־יאָרקער תהום, וואָס דער רעש זיינער האָט זיך שוין
דייטלעכער גענומען דערטראָגן צו אונז, און האָט שוין פאַר־
הילכט דעם גערויש פון די כוואַליעס, דעם איינציקן גע־
רויש, וואָס מיר האָבן אין משך פון צען טעג געהערט.
אַזוי ווי פאַרדאָרשטיקטע, האָבן מיר דעם רעש געזופּט אין
זיך, מיט לעכצנדיקע אויגן זיך איינגעגעסן אין דעם גע־
פלעכט פון אייזן, בעטאָן און גאָלד־שטראַלן אויפן ברעג, און
די האַרץ האָט אַזוי וויי געטאָן, עס איז אַלץ אַזוי נאָענט,
אַזוי נאָענט.

אָט קומען מיר שוין אָן. אונזער „דייטשלאַנד” האָט
דעם ערשטן מאָל נאָך צען טעג זיך קרעכצנדיק אָפּגע־
שטעלט ביי אַ ברעג, און מענטשן, האָבן זיך, אַזוי ווי די
מוראַשקעס, אַ שאָט געטאָן אַרויף און אַראָפּ די טרעפּ.
פּונקט אַזוי ווי מיט צען טעג צוריק אין קוקסהאַפען — נאָר
דאָרטן איז געווען דער דייטשער ברעג, און דאָ דער אַמע־

ריקאַנער, און צווישן זיי ציט זיך אַ גאַנצע וועלט מיט וואַסער אויף אַ מהלך פון קנאַפּע פיר טויזנט קילאָמעטער.

אין משך פון צען מינוטן צייט איז די שיף גאָר פּוסט געוואָרן—נאָר מיר, אַ מאַן פופצן פון אונזער קלאַס זיי־נען געבליבן נעכטיקן אויפן שיף. אומעטיק און פינסטער. מען האָט געדעקט פאַר אונז אַ טישל אין אַ ווינקל פון דעם זאַל, וווּ מיר האָבן די אַלע צען טעג פון דער נסיעה אַזוי לוסטיק און פיין פאַרבראַכט, ווו עס האָט געשפּילט מוזיק בעתן עסן, און ווו יעדן פּאַסאַזשיר האָבן באַדינט צוויי משרתים און האָבן ניט געוואוסט, וואָס פריער צו טאָן. נאָכן עסן האָט מען אונז געלאָזן אַ ביסל זיך אויסגיין אויפן דעק, און פון דאָרטן האָבן מיר געזען אַ טייל פון ביינאַכ־טיקן ניו־יאָרק. עס איז געווען אַ מילדער, וואַרימער אָוונט, דער ים, וועלכער איז פריער געווען אַזוי בייז און שטור־מיש, האָט זיך רויק געפּליעשטשעט אונטערן שיף, ווי אַ לעמעלע, און אין אַ טונקעלן, סאַמעטיקן וואַסער האָבן זיך געקוקט אָן אַ צאָל אַמעריקאַנער (אמתע, ניט פון פלאַג) שטערנס, און עס האָבן זיך פאַרטאָפּלט און פאַרפילפאַכט די טויזנטער עלעקטרישע פייערן פון לאָנג־אײַלענד און סטעטן־אײַלענד. און דאָ, אין רעכטן מיטן רעש און קאָך פון דער זונטיקדיקער נאַכט אין דער מיליאָניקער שטאָט, האָבן מיר דערפילט דעם אמתן טעם פון שטילער איינזאַמקייט און פאַרלאָזנקייט.

# די טרערן־רעפּובליק אויף עליס־איילענד

אין די אָוונטן זעט מען פון די פענסטערן פון עליס־איילענד די פייערן פון ניו־יאָרק, און נאָר צען מינוטן נסיעה איבערן וואַסער טײלן אָפּ אונזער תּפֿיסה פון דער כּישופֿדיקער ירידה, איבער וועלכער עס פּויזשען אָן אַ צאָל פייערלעך, צינדן זיך און לעשן זיך אָן אויפהער. זייער וווּנדערלעכער שפּיצן־געפלעכט דערציילט אונז מעשהלעך אָן אַ סוף, דערציילט אונז די מעשהלע פון פרייהייט, וואָס איז אַזוי נאָענט צו אונז און מען קאָן צו איר ניט דערלאַנגען.

פיל מענטשן געפינען זיך דאָ שטענדיק אויפן טרערן־אינזל. ביים אַראָפּגיין פון שיף פאַלט מען אַרונטער אונטער אַ שטאַרקן אָפּקלייב, און יעדער נייער דאַמפער פון אייראָפּע ברענגט עטלעכע צענדליק מענטשן, וואָס ווערן פאַרהאַלטן אויף עליס־איילענד, ביז מען באַשליסט: זיי אַראָפּצולאָזן אין לאַנד אָדער צו שיקן קאַריק.

טרויעריק און שווער איז דער לעבן פון אָטדי פאַרהאַלטענע. די אומבאַשטימטקייט, דאָס ניט וויסן, וואָס עס וועט זיין, דערדריקט די מענטשן, דערפירט זיי ביז פאַרצווייפלונג, ביז משוגעת.

און אין די אָוונטן, ווען די וואָלקנקראַצערס אַנטקעגן די פענסטערן ציען אַרויף אויף זיך דעם פייער־געוועב, דריקן צו אַסך פון די אומגליקלעכע זייערע שטערנס צו די שויבן, און טרינקען מיט דאָרשטיקע פיבערדיקע בליקן דעם פּנים פון ביינאַכטיקן ניו־יאָרק.

די טעג אויפן טרערן־אינזל זיינען גראָ און נודנע. אַלע זיינען צענויפגעקליבן אין איין גרויסן זאַל, וואָס אין זיין

בריט שטייען אויסגעשטעלט אסך הילצערנע בײַנק, און פּאַזשע ווענט שטייען אויסגעשטעלט טישלעך און עס זיינען אָנגעבראַכט פּאָליצעס, ווו די פּאַסאַזשירן האַלטן זייערע קופערטן און קליידער. אויף די בײַנק און אַרום די טישן זיצן מענטשן, לייענען צייטונגען, מאַכן האַנט־אַרבעט, שפּילן אין קאָרטן, נודיען זיך און ריידן איינער מיטן אַנדערן צום טויזנטסטן מאָל איין און די זעלביקע רייד. אָבער דאָס רוב גייט מען אַרום אַהין און צוריק איבער דער גרויסער שטוב, מען שפּרייזט אַזוי ווי חיות אין אַ שטייג, אָן אַן אינטערעס. אין טעמפּן גלייכגילט.

אָבער ניט שטענדיק איז מען גלייכגילטיק אויף עליס־אײַלענד. דער גלייכגילט קומט שוין אויפן דריטן טאָג פון זיין דאָרטן, אָדער נאָך שפּעטער. עס הייגנט אָפּ פון דעם טעמפּעראַמענט פון דעם מענטשן. דעם ערשטן טאָג פון קומען אַהין איז מען נאָך האָפּערדיק ביי זיך, פול מיט פּראָטעסט. מען טומלט און מען רעשט. מען וויל בשום אופן נישט נאָכגעבן.

— וואָס הייסט? — שרייט אין דעם ערשטן טאָג אַזאַ פאַרהאַלטענער פּאַסאַזשיר, — וואָס פאַר אַ רעכט האָט מען מיך דאָ צו פאַרהאַלטן? איך וועל דאָס ניט לאָזן אַזוי! איכ'ל ניט שווייגן! נאָך היינט גופא וועט מען מיך אַרויסלאָזן!

און ווען עס גייט אַוועק דער ערשטער טאָג, און מען האָט אים נאָך אַלץ ניט אַרויסגעלאָזן, קומט דער־צווייטער פּעריאָד, דער פּעריאָד פון האָפענונג, וועלכער שטעלט זיך איין אויפן אָרט פון דעם פּראָטעסט.

— נו, — האָב איך געהערט פון פאַרהאַלטענע אין אָטדעם פּעריאָד — מער ווי היינט וועט מען מיך שוין ניט פאַרהאַלטן. אָט וועט איר זען, אַז היינט גופא

לאָזט מען מיך אַרויס. איך בין דאָ נאָר צוליב אַ פּאָר־מאַליטעט.

די, וואָס הערן דאָס, שמייכלען. זיי ווייסן, אַז יעדער איינער מוז דורכמאַכן אַזאַ פּעריאָד, אַזאַ האָפענונג־טאָג. זיי האָבן דאָס אויך דורכגעמאַכט. זיי ווייסן, אַז די האָפענונג איז אַ פּוסטע. אָבער פאַר די עלטערע תּושבים איז דאָס דערוויל אַ צעשטרייאונג אין זייער לאַנגווייל, זיי האָבן עפּעס אַן אומבייט אין זייערע לאַנג־דערעסענע שמועסן.

— וואָס זאָגט איר אויף דעם יאָלד — ריידן די תּושבים צווישן זיך — ער האָפט נאָך! איכ'ל וועטן, אַז איבערמאָרגן אין דער צייט וועט ער נאָך אויך דאָ זיין.

געוויינטלעך לאָזט זיך אויס, אַז די אַלט־איינגעזעסענע האָבן טאַקע געהאַט רעכט. און דעמאָלט קומט אָן פאַר דעם נייעם דער דריטער טאָג פון טרערן־אינזל. דער טאָג, וועלכער ברייגנט מיט זיך אַ נייעם פּעריאָד, אַ פּעריאָד פון פאַרצווייפלונג און געבראָכנקייט. אָבער ער האַלט אויך אָן ניט לאַנג, אינגאַנצן צוויי טעג — און ווערט נאָכדעם פאַר־וואַנדלט אין טעמפּן גלייכגילט. וואָס בלייבט שוין, מיט אויסברוכן פון פאַרשיידענע גראַדן און וואַריאַציעס, ביז צום סוף פון עלים־אײַלענד.

פון אַ פערטל זיבן אינדערפרי זיינען שוין אַלע צו־זאַמענגעקליבן אין זאַל, און אַזוי דרייט מען זיך דאָרטן אַרום ביז אַכט אַזייגער אינאָוונט. וואָס רעדט מען איינער מיטן אַנדערן? יעדער איינער דערציילט דעם אַנדערן צום הונדערטסטן מאָל און צום טויזנטסטן מאָל זיין ענין, פאַר־וואָס מען האָט אים פאַרהאַלטן, וואָס פאַר אַ פּאַפּירן ער האָט, וואָס כ'איז פאָרגעקומען אויפן פאַרהער, וואָס מען האָט אים געפרעגט, וואָס ער האָט געענטפערט. עס איז אַ מעשה אָן אַ סוף און קיינער הערט ניט דעם אַנדערן, ווייל יעדער האָט אייגענע צרות, יעדער איז פאַרטאָן מיט זיך.

די נודנעקייט, וואָס ציט זיך, ווי אַ שפּינוועבס צווישן די גראָע ווענט, ווערט פון צייט צו צייט פאַרטריבן דורך אַ נייער פּאַרטיע פּאַסאַזשירן, וואָס מען ברענגט פון אַן אָקאָרשט־אָנגעקומענער שיף, אָדער דורך דעם טעלעגראַ־פיסט, וואָס קומט אַריין אַ פּאָר מאָל אין טאָג און רופט אויס :

— ווער וויל שיקן אַ טעלעגראַם ?

מען לויפט צו צו אים פון אַלע זייטן, מען באַפאַלט אים, ווי בעת אַ פּאַניק, און מען בעט אים שיקן טעלעגראַ־מעס, צו קרובים, צו גוטע פריינט, צו ווע מען עס מאַכט זיך נאָר.

„ראַטעוועט אונז", דאָס איז דער אינהאַלט פון אַלע טעלעגראַמעס. „נעמט אונז אַראָפּ פון עלים־אײַלענד".

פון צייט צו צייט קומט אין זאַל אַריין אַ באַאַמטער און רופט אויס נעמען. אַלע שטעלן זיך דערמאָלט אַרום אים, און יעדער וואַרט מיט ברענעדיקער אומגעדולד. אַז זיין נאָמען זאָל שוין דערמאָנט ווערן. מען ווייס, אַז ניט שטענדיק איז גוט, ווען מען רופט עמיצן אויס. אַנדערש־מאָל רופט מען אים, ער זאָל אונטערשרייבן דעם צעטל מיטן באַשלוס אים קאַריקצושיקן קיין אייראָפּע. אָבער עס ווילט זיך עפּעס אַן איבערבייט. עס ווילט זיך איבערהאַקן דעם גראָען פּלאָנטער פון די אומבאַשטימטע טעג. ווען די אַרויסגערופענע גייען שוין אַרויס נאָכן באַאַמטן, הייבן אָן די איבערגעבליבענע זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דעם, וואָס דאָ וועט געשען, און צו מאַכן סברות, וואָס מיט יעדן איינעם וועט זיין.

— אָט יענעם בחור מיט דעם בעלעם אויפן אויג וועט מען זיכער קאַריקשיקן. ניט אומזיסט האָט ער באַלד אויפן פאַרהער באַקומען אין לאַץ אַ צעטעלע מיט אַ צלמל.

— און יענע מיידל אין דער געקעסטלטער טוך

וועט מען אויך קאַריקשיקן. זי איז געקומען אהער צוגאַסט צו אַ מומען. מען לאָזט ניט אַריין אין אַמעריקע קיין מיידלעך, וואָס פאָרן צוגאַסט.

— יענעם אידן וועט מען געוויס אַריינלאָזן, ער פאָרט צו אַ זון, אָבער מען וועט אים דאָ נאָך האַלטן אַ פּאָר וואָכן, ביז זיין ווייב וועט אויסגעהיילט ווערן אין שפּיטאָל.

אַט אַזוי רעדט מען וועגן די אַרויסגעגאַנגענע אַ ווײַלע, און ווען זיי קומען נאָכדעם צוריק אַריין, רינגלט מען זיי אַרום און מען פרעגט מיט זשעדנער נייגעריקייט זיך נאָך, וואָס עס איז געווען. גרויס איז די שמחה פון יענעם, וועמעס סברה עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכ־טיק, און אומגליקלעך איז מען דעמאָלט, בעת עמיץ פון די אַרויסגערופענע, וועגן וועמען אַלע האָבן באַשטימט, אַז ער וועט קאַריקגעשיקט ווערן, קומט אַריין מיט אַ שטראַלנ־דיקן פּנים און איז מודיע:

— נו, איך גיי שוין אַרויס. מאָרגן אין דער צייט וועל איך דאָ שוין מער ניט זיין.

מען זוכט אים אָפּצופּאַטשן די פליגלען, מען דער־ציילט אים מעשיות, וואָס זיינען זיך שוין דאָ פאַרלאָפן, ווי בײַ מענטשן, וואָס האָבן שוין געהאַט אַפילו אין לאַץ דעם צעטל מיטן „די״, דעם בעסטן סימן אויף אַרויסצוגיין, האָט מען אויפן דריטן טאָג צוריק אַראָפּגעריסן דעם „די״ און געהייסן ווייטער זיצן און וואַרטן.

און נאָכדעם, ווי מען האָט אים שוין אָנדערציילט אַזעלכע מעשיות אָן אַ סוף, און צעקלאַפּט יעדע האָפענונג (ס'איז כדאי צו זען, ווי אכזריותדיק דער מענטש ווערט צו די אַרומיקע, בעת אים אַליין גייט שלעכט און ער דערפילט, אַז יענעם איז בעסער), כאַפּט מען זיך: „אפשר וועט ער דאָך אַרויסגיין ?״ און מען קערט איצט איבער דעם פעליץ

אויף דער אַנדער זייט און מען נעמט אים שטופּן אַדרעסן מיט אָנזאָגעניש ן:

— ווען איר וועט אַרויס פריי, זאָלט איר נאָר ניט פאַרגעסן צוצוגייען צו מיין קרוב און אים זאָגן דאָס און יענס...

אָבער די פליגלען פּאַטשט מען יענעם אָפּ אין עלים־איילענד נאָר דעמאָלט, בעת מען שפּירט, אַז יענער זוכט זיי אויסצוגלייכן. ווען מען זעט אָבער, אַז יענער האָט די זעלביקע צרות (אַזוי ווי שטענדיק און אומעטום שוין) איז מען מיט אים די בעסטע פריינט. רירנדע פריינט. בכלל האָט קיינער ניט קיין כח, ניט קיין ענערגיע און ניט קיין אימפּעט זיך צו קריגן און אָנצוהאַלטן אַ שנאה. די גרעסטע באַליידיקונגען ווערן פאַרגעסן און פאַרגעבן, און מען גייט אַלץ פונדאַסניי זייט ביי זייט. און מען קוקט זיך אָן איינער דעם אַנדערן, אַזוי ווי די קעלבער, אַזוי ווי גאָרנישט געווען. אַפילו דער גרעסטער אַנטאַגאָניזם צווישן מענטשן, דער פעלקער־ און ראַסן־אַנטאַגאָניזם, ווערט דאָ אויך פאַרגעסן. דאָ איז אַ קאָכקעסל פון פעלקער און ראַסן, דאָ זיינען פאַראַן איטאַליענער, יאַפּאַנער, טשעכן, רומענער, נעגערס, האָלענדער, יידן, נאָרוועגער, רוסן, דייטשן, קראָאַטן, אונגאַרן, טערקן, גריכן, שפּאַניער, דרום־אַמעריקאַנער, און ווער ניט. און איר וואָלט זען, וואָס פאַר אַ פריינט זיי זיינען איינער מיטן אַנדערן. אינאַנהייב, באַלד ביים אַריינגיין, רייסן זיי זיך, אָבער נאָכדעם ווערט אַלץ גוט. דאָס מאַכן אַלץ די געמיינזאַמע צרות און דער גלייכגילט.

אָט שפּילט אַ יאַפּאַנערין אין פּילקע מיט אַ יידישן יינגל פון אַ פּויליש שטעטל. די יאַפּאַנערין גייט אין אַ זיידענעם קימאָנאָ. אין אַ פּאָר הויזן, וואָס רופן אַרויס בלאַסע שמייכעלעך אויף די פּנימער ביי אַלע עלים־איילענדער. זי פאָרט צוגאַסט צו איר מאַן אין ניו־יאָרק, אָבער

איז דאָ פֿאַרהאַלטן געוואָרן, און ווי עס שײַנט וועט מען איר שיקן קאַריק, ווײַל אַמעריקע לאָזט מער ניט אַרײַן קיין זיזיאַטן. און דער פּוילישער ייִנגל איז אַן אָרימער יתום, וואָס זיצט דאָ שוין איבער אַ חודש, און זײַן שטיפֿמאַמע ליגט אין שפּיטאָל. זיי קענען זיך ניט צונויפֿרעדן איינער מיטן אַנדערן, יעדער פֿון זיי האָט אַנדערע מחשבות, אַנדערע אינטערעסן, אָבער איצט וואַרפֿן זיי מיט ברען די פּילקע, איבער דער יאַפּאַנעזישער ברייטן, געלן פּנים גיסט זיך פֿאַנאַנדער אַ ווײַסציינערדיקער שמייכל. און דער ייִנגל ענטפֿערט איר, ווישט זיך מיטן אַרבל די נאָז און שרײַט „יאָקומבעמבע" בײַ יעדן וואָרף.

בײַ אַ טיש זיצט אַ ייִד פֿון לעטיטשעוו און רעדט זיך אויס די האַרץ מיט אַ פּאָר גיגלניקעס נעגערס פֿון סענעגאַל. ס'הייסט—אויסרײדן קאָנען זיי זיך ניט, זיי פֿאַרשטייען ניט איינער דעם אַנדערנס ווערטער. זיי פֿאַרשטייען אָבער זייער גוט איינער דעם אַנדערן — דער אומעטיקער, ניט שטאַרק־זויבערער, פֿאַרוואַקסענער און פֿאַרשמאָלצענער קוסטאַר פֿון לעטיטשעוו, וואָס פֿאָרט צו אַ זון אין ברוקלין, און וואָס מען האָט אים דאָ פֿאַרהאַלטן, ווײַל מען דאַרף אים אויספּרוּוון, מען איז אים חושד אין אַ קלעפּיקער קרענק, און די צוויי האַלב־ווילדע נעגערס וואָס אַ מענעדזשער האָט געפֿירט קיין האָליוווּד, אויף צו שפּילן פֿאַרן פֿילם. דער ייִד שאָקלט מיט דער באָרד און ווישט זײַנע פֿאַרטרערטע אויגן, — די נעגערס דרייען מיט גרויסע ווײַסע רעדער אויף אָנגעוויקסטע פּנימער און שטשירען מײַלער מיט אַרויסגעקלאַפּטע פֿאָדערשטע ציינער, קלאַפּן זיך אין דער ברייטער ברוסט מיט פּלאַסטישע וווּנדערבאַרע הענט — עס איז אָלראַיט, מען פֿאַרשטייט זיך אויסגעצייכנט!

און דאָ גייט אַרום אַן איטאַליענישער צירק־אַקטיאָר

אַ היציקער, אַ צעשויבערטער, אַ ברודיקער און רעדט
מיט די הענט און מיט אַלע איברים צו אַ געלאַסענעם
נאָרוועגער, וואָס פּיפּקעט זיין קורצע ליולקע, און קוקט אָן
זיין היציקן בעל=דבר מיט קאַלטע, בלאָ=פּייערדיקע פּי=
אָרד=אויגן.

און אין אַ ווינקל פון גרויסן צימער זיצן עטלעכע
פרויען און קינדער, וואָס זיינען פאַרמשפּט אויף אַרויסגע=
שיקן ווערן קאַריק קיין איראָפּע, און די גאַנצע שטוב ווערט
פאַרהילכט פון זייערע יאָמערן. דאָס געזעגענען זיי זיך
מיט אַמעריקע, וואָס זיי האָבן גאָרניט דערלעבט צו זען.

# דער ווונדער פֿון טאָגטעגלעכקייט

יעדן טאָג, צווישן פֿיר און זעקס אַזייגער, זיצט אַ המון מענטשן אויפֿן גרויסן טרעפּ פֿון דער אַסטאָר=ביבליאָטעק, און קוקט אַראָפּ אויף ניו=יאָרק, אויף איינעם פֿון זיינע טומלדיקסטע און רווישיקסטע ווינקלען — דעם ווינקל פֿון דער פֿינפֿטער עוועניו און דער צוויי=און=פֿערציקסטער גאַס. יעדן טאָג, ווען עס קומט אָט די צייט, ציט מיך אַהער אַ מאָדנער כּישוף, איך מוז גיין אַהער, קוקן מיט פֿאַרגאַפֿטע אויגן, ווי עס וויקלט זיך פֿאַנאַנדער דער אומגעהויערסטער, דער פֿאַנטאַסטישסטער, דער אין זיין פּראַכט מאַוומדיקסטער און אין זיין גרויל פּרעכטיקסטער פֿילם פֿון דער ניו=יאָרקער טאָגטעגלעכקייט. יעדן טאָג אין דער צייט טוען זיך אַ שאָט מיליאָנען מענטשן פֿון די אַלע אַרומיקע פֿערציק=און=פֿופֿציק=שטאָקיקע הייזער, און ווי סטענגעס, וואָס ציען זיך פֿון אייביקייט צו אייביקייט, כוואַליען זיי זיך אויף בײדע זייטן גאַס. און ווען עס הייבט זיך אָן טונקלען, און איבער דער פֿיאָלעטער פֿאַרנאַכטיקער לופֿט, וואָס שטראָמט פֿון דעם שמאָלן פּאַס הימל צווישן די וואָלקנקראַצערס, פֿאַרציט זיך אַ בלאָער שלייער, נעמען זיך צינדן די פֿייערן פֿון ניו=יאָרק, נעמען זיי דורכבויערן מיט פֿאַרשיידנפֿאַרביקע משוגענע, שפּיציקע אויגן די יריעה פֿון דער נאַכט. פֿייערן, פֿערן אָן אָן אָנהייב און אָן אַ סוף. איין ים פֿון ליכט, אַזוי עס דאַכט זיך, אַז ניט די נאַכט איז טונקל, און אַז ניט די טונקלקייט ווערט צעטריבן דורך ליכט, נאָר אַז די נאַטור פֿון דער נאַכט איז בלענדנדיק=ליכטיק, און אין דעם דורכווּסיקן שילד פֿון ליכט, וואָס ברענט איבער ניו=יאָרק,

טריפן ווי־ניט־ווו אַריין טראָפּנס בלאָקייט. איבערן ביי־נאַכטיקן ניו־יאָרק גייט מען מיט פאַרבלענדטע אויגן. פון אַזוי פיל ליכטיקייט זעט מען שוין גאָרנישט, עס דאַכט זיך, אַז די ליכט דרינגט אַריין אין האַרצן, אין דער נשמה, אין מוח, און מען האָט שוין פון זיך אַליין אויך מער קיין באַהעלטעניש ניט. מען ליגט אינגאַנצן אַנטבלויזט און אויסגעקאַשערט, מען באָדט זיך אין אומרחמנותדיקן ליכט, מען ווערט אָפן, פלאַך.

אַ ווונדערלעכע שטאָט ניו־יאָרק. מען מוז איר אָדער ליב האָבן מיטן גאַנצן האַרצן, אָדער פיינט האָבן בתכלית השנאה. קיין מיטלוועג איז נישטאָ. ווייל ווי קען דאָ זיין אַ מיטלוועג — בעת דער היגער לעבן פאַרכאַפּט יעדן איינעם, פאַרדרייט אים אין זיין בישוף־קרייז, מאַכט אים פאַר אַ שמאַטע, לאָזט אים ניט קיין איין רגע אויף צו באַטראַכטן זיך. און אַ מיטלוועג — איז דאָך אַ פּראָ־דוקט פון באַטראַכטן, פון וועגן און פון מעסטן. ניו־יאָרק מוז מען נעמען אַזוי ווי זי איז — מיט איר משוגענער ליכט, מיט אירע אונטערערדישע באַנען, מיט אירע משונהדי־קע בנינים, מיט איר פאַנטאַסטישן פאַרנעם, מיט איר פּרעכטיקער אומגעלומפּערטקייט — מען מוז איר נעמען און ליב באַקומען, ווייל דאָס איז די לופט, אין וועלכער מען לעבט און אין וועלכער מען עטעמט, ווייל יעדער ניו־יאָרקער, יעדער איינער פון די זיבן מיליאָן, מוז איינ־שלינגען יעדן טאָג די געהעריקע פּאָרציע פון ספּעציעלן ניו־יאָרקער ווינעגרעט, וואָס באַשטייט פון גערויש, פון משוגעת, פון שטויב, פון ווייכערדיקייט — אָדער מען מוז דאָס אַלץ מיטמאַכן, מיטלעבן מיט דעם, אָדער אַרומגיין ווי אַ בלייכער שאָטן און זיך אָנטאָן אין אַ דאָן־קיכאָטישן פּאַנצער.

ניו־יאָרק איז די גרעסטע רעטעניש פון אונזער צייט.

יעדן טאָג, יעדע רגע צעשיט זי זיך פאַרן אויג אין מי־ ליאָנען קשיות, צעפּיצלט זיך אין אָן א סוף פראַגן, אויף וועלכע מען געפינט קיין ענטפער נישט.

יעדער ניו־יאָרקער לעבט א פיר־פינף שעה אין טאָג אונטער דעם ערד, אין דעם געפּאַקטן, דושנעם אונטער־באַן. דאָרטן איז שטענדיק געפּאַקט, אָבער באַזונדערש שטייט מען אויף די קעפּ נאָך די אַרבעט־שעהן. דעמאָלט איז מען צוזאַמענגעקוועטשט ווי הערינג, און הייבט מען אויף א האַנט זיך אָנצוכאַפּן אָן א רימענדל, בלייבט מען שוין אַזוי, מיט א שטייפער האַנט, און מען קאָן איר דעם גאַנצן וועג מער נישט אַראָפּלאָזן. עס קומט אויס, אַז אין ניו־יאָרק איז דעם מענטשנס מעת־לעת קירצער מיט 4—5 שעה, ווי א מעת־לעת דאַרף זיין. נו, איז דען א וואונדער, אַז אין דער איבעריקער צייט זוכט דער אַמעריקאַנער צו לעבן אויף 100 פּראָצענט, צו זיין טעטיק מיט אַלע זיינע חושים. די צייט אין מעת־לעת, וואָס מיר, ביי אונז, גיבן אָפּ אויף גריבלען זיך, אויף פּראָבלעמען, אויף גייסטיקן לעבן, פאַרלוירט דאָך דער ניו־יאָרקער אויס אונטער דער ערד, אין דעם שטויביקן, טראַסקעדיקן און פאַרשטיקטן אונטערבאַן.

אָן א סוף קנאַקן די קעסטעלעך ביים אַריינגיין צום אונטערבאַן. דאָרטן, וווּ מען וואַרפט אַריין די מטבעה. ביי יעדער אַריינגעוואָרפענער מטבעה טוט עס א קלונג, מיט א בראַזג עפנט זיך און פאַרהאַקט זיך די טירל, און עס הערט זיך, אַזוי ווי קייטן וואָלטן קלינגען. פיר־ און־צוואַנציק שעה אָן אויפהער, אָן אָפּשטעל, פון אַלע זייטן. די איינגאַרטיקע אין גרויזאַמע מוזיק, די מוזיק פון דעם אונ־טערבאַן, די מוזיק פון שקלאַפן־קייטן. ווייל שקלאַפן זיינען דאָ אַלע, וואָס פילן אָן די וואַגאָנעס, אמתע שקלאַפן. און מען דאַרף פאָרן זיבן אינדערפרי אין דעם

אונטערבאַן, אָדער אין די אָוונט-שעהן, כּדי צו זען, ווי אַלע אין וואַגאָן שטייען און זיצן מיט פאַרקלעפּטע אויגן, און ביי וועמען די אויגן זיינען אָפן, זיינען זיי אויך שטייף און טעמפּ פון מאַטקייט, פון האָרעוואַניע, פון ניט-אויס-געשלאָפנקייט. און דעם איינדרוק פון אַ שקלאַפערישער סביבה פאַרשאַפן נאָך די סך נעגערס, וואָס פילן אָן די וואַגאָנעס.

די נעגערס ווערן דאָ פאַראַכט און געהאַלטן פאַר אַ נידעריקערער ראַסע. דאָ לעבט נאָך דער גייסט פון שקלאַפן-הענדלעריי. ווו נאָר אַ שמוציקע אַרבעט, ווערן צו דעם באַנוצט נעגערס. מען באַצאָלט זיי אַפילו, אָבער פונדעסטוועגן לעבן זיי אין גרויס עלנט און אָרעמקייט.

און ניט נאָר נעגערס אַליין לעבן אין חושך און נויט. עס קלעקט אויך די אָרימקייט צווישן ווייסע. אין דער הינזיכט צייכנט זיך אויס די איסט-סאַיד, די קוואַרטאַלן פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן: פון יידן, כינעזער, איטאַליענער, גריכן. באַזונדערש מערקווירדיק איז די באָוערי, — די גאַס פון די טרעמפּס (באָסיאַקעס). אַז מען גייט דורך די גאַס, כאַפּט אָן אַ גרויל ביים צוזען די אַלע טיפּן פון די אַרומטרייבער, די אַלע אומגליקלעכע, פאַרשיכורטע מענטשן-שאָטנס, וואָס בלאָנקענען זיך אַרום איבער אַ גאַס פון דער רייכער ניו-יאָרק און וואַרפן אַרויף אַ חושך און שרעק אויף יעדערנס געמיט. ווי עס שיינט, איז ניו-יאָרק ניט נאָר אַ שטאָט פון מיליאָנערן, אַזוי ווי מען מיינט אין אייראָפּע, דאָ איז אויך פאַראַן אַסך עלנט און נויט, אפשר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, ווי אין אייראָפּע. פּונקט ווי דאָ איז אַלץ אין אַ גרעסערן פאַרנעם.

# עלנטע ווינקעלעך

די לעגענדע וועגן אַמעריקאַנער רייכקייט און גליקן די גאָלד=מעשהלעך פון דער גאָלד=מדינה האָט פאַרבלענדט אייראָפּע די אויגן. גליט דאָך אין אונזער פאַנטאַזיע ווי אַ לאָדערנדיקער פלאַם די פאָרשטעלונג וועגן אברהם=טאָדרעס פון שניפּישאָק, וואָס האָט אָנגעהייבן אין „נייראָק" מיט טשאָבען תחתונים, און איז איצט געוואָרן אַ מיליאָנער. און אונזער גערדאַנק קוויקט זיך מיט יאַנקע־משהן פון זשאַגער, וואָס איז דאָרטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַגנאַט אויף וואָל=סטריט.

פאַר מיין אָפּפאָר פון דער היים האָט מען מיר מיטגעגעבן אָן אַ צאָל גערוסן צו קרובים אין ניו=יאָרק. און יעדער איינער האָט איבערגעלויכטן פון יענער זייט ים מיט אַלע זיבן זונען פון שפע, פון מאַכט און פון גרויסקייט. זיי זיינען געווען זיכער אין דעם, אַלע היגע.

אָבער אין ניו=יאָרק האָב איך געזען אַסך פון די מיליאָנערן. איך האָב געזען, ווי שווער און ביטער זיי האָרעווען, ווי איינער שטייט אויף אום האַלב פינף באַגינען און טראָגט אַרום אויף זיך דעם גאַנצן טאָג אַ פּאַק בריוו און פּאָסט=פּעקלעך, וואָס איז כמעט גרעסער פון אים אַליין. ער איז אַ בריוו=טרעגער; ווי נאָך איינער האָרעוועט שווער און ביטער אין שאַפּ ביים פּרעסן הויזן, ווי ער מוז אָפּשטיין 8 און אַמאָל 10 שעה אויף די פיס אין דעם דושנעם, הושכדיקן קאַמער און טאָר אפילו אַ וואָרט ניט אויסריידן, ווייל דער פאָרמאַן שטייט איבער אים, ווי אַ מלאך הדומה, און יאָגט פון אים אַרויס די

עצמות (אָ, עס זיינען נאָך פֿאַראַן אַזעלכע שעפּער!); אַ דריטער לויפֿט אַרום אַ גאַנצן טאָג, ווי אַ פֿערד אין שפּאַן, אויסצוטראָגן באַשטעלונגען פֿון אַ באַקאַליי־קראָם, און אַ פֿערטער חושבט אָפּ זיינע יאָרן אין די אונטערערדן, קריכט אויס אין אַלע העלן, ווייל ער איז אַ וואַסערלייטער, און ער אַרבעט אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס מיר זעען דאָס ניט אַפֿילו אין אונזערע ערגסטע חלומות.

און דאָס זיינען זיי, די רייכע, מעכטיקע, די צופֿרידענע.

אמת, זייער פּריוואַטער, שטוביקער לעבן איז געבויט אויף אַ מער קאָמפֿאָרטאַבעלן, היגיענישן און עסטעטישן אופֿן, ווי ביי אונז. דער פּשוטסטער אַרבעטער אין אמעריקע לעבט אין אַ שענערער דירה, ווי אונזערער אַ מיטעלער סוחר, — אָבער ווען זעט דער אַמעריקאַנער זיין שטוב, ווען האָט ער דען הנאה פֿון זיין לעבן? אויף דער אַרבעט גייט ער אַרויס באַגינען, און ניט ער גייט אַרויס, נאָר ער לויפֿט אין איין אָטעם, הענדום־פּענדום. און אינאָווענט, ווען ער קומט שוין אַהיים, איז ער אַזוי טויט־מיד, אַזוי צעבראָכן, אַזוי פֿאַרחלשט, אַז ער געפֿינט קוים דעם וועג צו זיין בעט. און פֿאַלט אַוועק, ווי אַ געהרגעטער ביז מאָרגן באַגינען, ווען עס הייבט זיך ווייטער אָן די זעלביקע לידעלע.

איך האָב זיי געזען, די מיליאָנערן, און די אָוונטיקע אונטערבאַנען, בעת זיי פֿאָרן פֿון דער אַרבעט. די עקספּרעסן, וואָס פֿליען אין אַלע ריכטונגען, ווי די רוחות, און וואָס פֿירן פֿאַנאַנדער איבער אַלע ניו־יאָרקער פֿאַרשטעט מיליאָנען פֿאַרפֿינסטערטע, פֿאַרמאַטערטע, אויסגעצויגטע מענטשן, מענטשן, וואָס זיינען פֿאַרגעלט, פֿאַרזויערט, צעשוויצט און צעפּאַרעט, מיט שמוציקע, קלעפּיקע הענט, מיט צעשויבערטע האָר, מיט אויגן, וואָס זיינען פֿאַרמאַכט די גאַנצע צייט פֿון דער נסיעה, און וואָס עפֿענען זיך נאָר

אינסטינקטיוו, בעת מען דערנענטערט זיך צו דער נויטיקער סטאַנציע.

איך האָב זיי געזען, די מיליאָנערן, אין די פרימאָרגנס, בעת מען פאָרט צו דער אַרבעט, און די לאַנגע שלאַנגען עקספּרעסן פירן פאַנאַנדער דעם לעבעדיקן באַגאַזש איבער דער שטאָט, און אויף יעדער סטאַנציע שפּייען זיי אַרויס קנוילן מענטשן און נעמען אַריין צווישן זייערע זשעדנע ציין נייע קנוילן. איין געדיכטע קאַשע, אַזוי געדיכט, אַז עס קומט פאָר, עס איז איין גרויסע לעבעדיקע באַשעפעניש מיט הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען פיס, מיט מיליאָנען אויגן, וואָס זיינען נאָך פאַרקלעפּט פון שלאָף, און וואָס ציען נאָך ווייטער דעם פאָדים פון זייער מיט געוואַלד איבערגעריסענעם אומרויקן שווערן דרימל.

און נאָך אין אַן אָרט האָב איך זיי געזען, אָטדי מיליאָנערן. אין די אויטאָמאַטן — וווּ מען כאַפּט זיך אַריין מיטיקצייט און אינאָוונט, נאָך דער אַרבעט, עפּעס איבערבייסן. קיין באַדינונג איז דאָרטן ניטאָ. מען וואַרפט אַריין אַ מטבע, אָדער עטלעכע מטבעות, אין וואַנט, און מען קריגט, וואָס מען וויל. נאָכדעם שטעלט מען דאָס באַקומענע אויף אַ טאַץ און מען טראָגט אַליין דעם טאַץ אַוועק צו אַ טיש.

איינמאָל בין איך געזעסן אין אַזאַ אויטאָמאַט, ביי אַ טיש, און האָב זיך צוגעקוקט, ווי אַרום מיר זשומעט, ווי אין אַ בינשטאָק. ווי די טויזנטער מענטשן, אַלט און יונג, מאַן און פרוי, אַלע טראָגן זייערע טעצלעך אין די הענט און זוכן צו פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ. איך וועל דעם בילד קיינמאָל ניט פאַרגעסן — די ציטערדיקע הענט, די פאַרהונגערטע אויגן, די פאַרחלשטע טריט און פאַרשמאַכטע ליפּן. און אז מען זעט דאָס, כאַפּט אַרום אַ מאָדנער רחמנות צו אָטדי אַלע מענטשן, אַ ווייטיק נעמט אַרום, אַ פּיינלעכע קשיא נאָגט:

— אָט דאָס איז די קולטור און אירע דערגרייכונגען? אָט דערצו האָט דערפירט די גאַנצע פילפאַ־צווייגטע מאָדערנע אָרדענונג, נאָר דערצו, אַז אָט יענער אויסגעמוטשעטער אַלטיטשקער זאָל ארויסכאַפּן מיט זיינע אָפּגעשוואַכטע הענט פון אויטאָמאַט א שיסעלע געקאָכטע בעבלעך, און זאָל מיט ציטערדיקע ליפּן און מיט פאַרהונגערטע אויגן זיך אַרויפוואַרפן אויף דעם, ווי אַ פאַרחלשטע חיה, דאָס אַריינשלינגען און פאַרקלעפּן דערמיט דעם אַלטן קראַנקען מאָגן, וואָס ווייס שוין ניט פון זיינע יונגע יאָרן אָן, וואָס דאָס הייסט פאַרדייען?

און ביי דעמזעלביקן טישל, ווו איך בין געזעסן, איז געזעסן אַ פּאָרל: ביידע יונג, נאָך געוויס ניט קיין פערציק צוזאַמען, אוודאי ערשט חתונה געהאַט. זיי זיינען ביידע אָקאָרשט באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט, און מאַן און ווייב האָבן זיך דאָ געטראָפן, צום ערשטן מאָל פאַרן גאַנצן טאָג. דאָס הייסט, צום צווייטן מאָל — דאָס ערשטע מאָל איז געווען אינדערפרי, בעת זיי זיינען אַרויס פון דער היים. ביידע האָבן זיי געהאַט געלע פּנימער, ווי פאַרמעט, פון זיצן גאַנצע טעג אין פאַרשפּאַרטער לופט, פון שעהלאַנגען טעגלעכן ליגן אונטער דער ערד, אין די באַנען. ביידע האָבן זיי אפילו קיין כוח ניט געהאַט צו ריידן; זיי האָבן זיך נאָר איבערגעקוקט מיט פאַרנעפּלטע, גאָרנישט־זאָגנדיקע בליקן פון זייערע מידע אויגן, מיט בליקן, וואָס האָבן געזאָלט אַריבערטראָגן צערטלעכקייט פון איינעם צום אַנדערן, וואָס האָבן אָבער קיין כוח נישט געהאַט אויף דעם, ווייל זייער גאַנצער חיות איז אויסגענאָגט געוואָרן דורך אונמענטשלעכער האָרעוואַניע, דורך ניט דערעסן, דורך ניט דערשלאָפן. און דאָס זיינען דאָך אויך געווען מיליאָנערן?

אָבער אָטדי אַלע מענטשן, אָטדי אַלע שקלאַפן פון דער טאָגטעגלעכקייט זיינען נאָך אויך ניט די לעצטע.

זיי זיינען נאָך די גליקלעכע, ווייל עס זיינען דאָ פיל אומ־גליקלעכערע פון זיי. זיי האָבן לכל־הפחות וואָס צו טאָן, זיי מאַכן נאָך אַ לעבן. די אומגליקלעכסטע זיינען אָבער די יעניקע, וואָס האָבן קיין אַרבעט ניט. די מיליאָנען אַרבעט־לאָזע און היימלאָזע.

מיט זיי, מיט די אומגליקלעכע, איז פול די בויערי, און אַז מען גייט איינמאָל אַרויף אויף דער גאַס, קאָן מען איר שוין קיינ־מאָל מער ניט פאַרגעסן. שטענדיק שטייט זי פאַר די אויגן. ווי אַ ברענעדיקער שטורקאַץ. אַ פלאַקערדיקער וועגווייזער פון מענטשלעכן עלנט, אַ וועגווייזער צום תהום, אין וועלכן מענטשן זינקען כסדר, אָן אויפהער. טאָג און נאַכט בלאָנדזשען דאָרטן אַרום געשפּענסטער, אומגעקומענע מענטשן. און אין די נעכט, בעת די פייערן פון די אַרו־מיקע גאַסן צינדן זיך אָן — בויערי אַליין לייכט זיך ניט מיט קיין סך פייערן—און פון איבערן בריק פון הויכבאַן, וואָס דרייט זיך איבער דער גאַס, גיסט זיך אַראָפּ אַ גע־שפּענסטיקער אָפּשיין, מיינט מען, אַז דאָרטן בלאָנקען זיך אַרום געשטאַלטן פון עולם התוהו. די גאַנצע גאַס איז פול מיט איבערנעכטיק־הייזער פאַר די טרעמפּס. אָבער דאָרטן אי־בערנעכטיקן קאָסט אויך עפּעס, און נישט שטענדיק איז פאַראַן ביים טרעמפּ די עטלעכע סענט, און זיי בלאָנדזשען אַרום די גאַנצע נאַכט איבער דער לאַנגער, האַלב־פינ־סטערער גאַס. פּאָליציי דרייט זיך דאָרטן אַרום אין אַ גרויסער צאָל, פּאָליציי און דעטעקטיוון, כדי צו באַשיצן די פאַרבייגייער און די געשעפטן. אָבער עס איז איבע־ריק: די געשטאַלטן פון דער בויערי זיינען אַזוי דער־שלאָגן, אַזוי אַפּאַטיש, זיי האָבן פאַרלאָרן יעדן מענטשלעכן פאַרלאַנג און יעטווידן טעמפּעראַמענט, אַז, ווי מיר שיינט, הייבט זיי זיך גאָרניט די האַנט אויף קיין פאַרברעכן. זיי זיינען שוין אויסגענאָגטע, אָפּגעלעבטע געשטאַלטן. דער

איינציקער מאָמענט, ווען עס כאַפּט זיך אין זיי אויף דער מענטשלעכער געפיל איז, בעת אַ פאַרבייגייער וואַרפט אַוועק אַ נאָך־ניט־דערויכערטע סיגאַר אָדער אַ פּאַפּיראָס, אָדער ווען זייער שאַרפע אויג דערזעט ערגעץ ליגנדיק אַ שטיקל עפּל, אָדער ברויט, — דעמאָלט ציען זיך די הונדערטער הענט נאָך דעם, אויגן צינדן זיך אָן מיט אַ פאַרחלשטן הונגעריקן פייער, און געשפּענסטיקע געשטאַלטן קנוילן זיך אין שטומען געפּעכט, אין געפּעכט פון פאַר־הונגערטע בעלי־חיים אויף צו דערהאַלטן דאָס שטיקעלע אומגליקלעך לעבן.

# פינפטע עוועניו

אין ערשטע פֿרילינג־טעג באַקומט ניו־יאָרק אַ מאָדנעם, אויסטערלישן פּנים: די ווײַטקייטן פֿון די גראַדע, שנירלדיקע עוועניוס פֿאַרשווינדן אין אַ גאָלדענעם נעפּל, די שפּיצן פֿון די וואָלקנקראַצערס שטעכן שוין אויך ניט דעם מילדן הימל מיט אַזעלכע אכזריותדיקע, בײנערדיקע פֿינגער; די מענטשן האָבן אָרום, ווי שטענדיק, אָבער זייערע פּנימער זײַנען ניט אַזוי פֿאַרביסן, אַזוי פֿאַרהאָרעוועט, און עס שלײַכט זיך איבער זיי מיט פֿאַרשעמטע טריטלעך אַ לײַטזעליקער שמייכעלע. אַפֿילו די אויטאָ־מאָטאָרן, דאַכט זיך, שיפּן שוין אויך ניט מיט אַזאַ צאָרן, מיט אַזאַ אָנצוהערעניש, מיט אַזאַ מעמענטאָ מאָרי צום וועווריקדיקן מענטשל.

אין אַזאַ טאָג ווילט זיך ניט שפּאַרן אין דעם הושכדיקן, אָנלופּטיקן אונטערבאַן, זיך דאָרטן שטופּן און לייענען אָן אַ סוף מודעות אויף די ווענט און אויף דער סטעליע. און איך גיי צו דעם וואַשינגטאָן־סקווער, כאַפּ זיך דאָרטן אַרויף אויפֿן דאַך פֿון אַ גרינעם אויטאָבוס, און מיר מאַכן צוזאַמען אַ שפּאַציר איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער פֿינפֿטער עוועניו.

די פֿינפֿטע עוועניו, די וועלט־באַרימטע מיליאָנערן־גאַס, הייבט זיך אָן פֿון דעם וואַשינגטאָן־סקווער, דעם אָרט פֿון תורה און חכמה. עס איז אַ גרויסער פּלאַץ מיט אַ פּאַרק אינמיטן. און אַרום דעם סקווער געפֿינען זיך די געבײַדעס פֿון אַ פּאָר ניו־יאָרקער אוניווערסיטעטן. דער

פלאַץ שווימט מיט לעגענדיקע יוגנט, ער ווערט פאַר־הילכט פון פריילעכע לעבנסלוסטיקע קולות.

אין פאַרבייפאָרן, גליטש איך זיך האַרט פאַרביי דער סטאַטוע פון גאַריבאַלדי, וואָס שטייט אויף איינער פון די אַלייען. איך טו צו אים אַ שמייכל, און מיר דאַכט זיך, אַז אויפן שטיינערנעם פנים טוט זיך אויך אַ גליטש אַ שמייכל. דאָסזעלביקע איז אויך מיטן שטיינערנעם וואַשינגטאָן, בעת איך פאָר דורך די וואַשינגטאָן־טריומף־אַרקע. אין אַן אַנדער טאָג זעט מען אפילו אויף די פנימער פון די לעבעדיקע ניו־יאָרקער זעלטן אַ שמייכל, — דער היינטיקער טאָג אָבער קוועטשט אפילו אַרויס אַ שמייכל אויף די פנימער פון שטיינערנע ניו־יאָרקער.

די ערשטע עטלעכע גאַסן, וואָס שנײַדן דורך פאַרקווער דעם אָנהייב פון דער עוועניו, זײַנען באַוווּנט דורך דער ניו־יאָרקער באָהעמע, דורך דער אַרטיסטישער און וויסנשאַפטלעכער וועלט. דער געגנט הייסט „גריני־וויטש ווילעדזש". דאָרטן זײַנען קאָנצענטרירט אַלע הײַזער, ווו קינסטלער און שרײַבער (געוויינטלעך, ניט רײַכע) וווי־נען. דאָרטן געפינען זיך אויך אַ סך אַרטיסטישע שיינק־לעך, ווו דער בורזשואַזער עולם, וואָס האָט ליב זיך אָנ־צושמעקן מיט אַרטיסטישער לופט, קומט אין די אָוונטן און אין די נעכט פאַרברענגען. דאָ געפינען זיך אויך פאַר־שיידענע קונסט־ און אַנטיקוואַר־קראָמען. אין „גריניוויטש ווילעדזש" שמעקט אַביסל מיט אייראָפּע. דאָ געפינט מען זיך אין אַטמאָספער פון קונסט, דער עולם איז נאָך ניט פאַרצויגן געוואָרן מיט דער קאָרע פון פּראַקטישקייט און גשמיות.

דאָס זעט מען אַלץ, ווען מען קוקט פאַרבייפאָרנדיק אַרײַן אין די קווער־געסלעך. די עוועניו גופא איז אין דעם ראַיאָן פאַרבויט מיט גרויסאַרטיקע האָטעלן, ווו נאָר די מיל־

יאָנערן קאָנען זיך פאַרגינען צו וווינען, און אויך מיט מע־רערע מיליאָנערשע וווינהייזער, ווו דירה־געלט קאָסט די טויזנטער דאָלאַרס אַ יאָר. אין דעם גאַנצן געגנט איז אויף דער עוועניו נאָך בערך שטיל. איבער די טראָטואַרן קאָן מען זיך באַקוועמער באַוועגן. אָבער פון דער צענ־טער גאַס הייבט זיך אָן דער געשעפט־ראַיאָן. דאָרטן ווערט שוין רווישיק. אויף די גאַסן גיסן זיך שוין אָן אויפ־הער שטראָמען מענטשן, אויטאָמאָבילן הייבן אָן פאַרפלייצן דעם וועג.

ווען מען פאָרט ווייטער און מען קוקט אַריין אין די גאַסן, וואָס שניידן פאַרקווער דורך די עוועניו, זעט מען אינטערעסאַנטע זאַכן, זעט מען אַ שטיק פאַרגאַנגענע און איצטיקע געשיכטע פון ניו־יאָרק. פון דער פערצנטער גאַס קאָן מען זען דעם יוניאָן־סקווער, די קאָמוניסטישע מלוכה אין ניו־יאָרק, די ניו־יאָרקער מאָסקווע. דאָ זיינען קאָנצענטרירט אַלע קאָמוניסטישע אונטערנעמונגען, אַלע קאָמוניסטישע צייטונגען, און דער פּלאַץ איז בסדר, טאָג און נאַכט, פול מיט קאָמוניסטן, וועלכע האַלטן אָפּ זייערע פאַרזאַמלונגען אונטערן פרייען הימל, און אין דער באַרימ־טער קאָמוניסטן־קאַפעטעריאַ, וואָס געפינט זיך דאָ דערביי, אַנטקעגן דעם דיינקמאָל פאַר לינקאָלן.

דערווייל קאַטשעט זיך דער אויטאָבוס ווייטער טריט ביי טריט. און איך זיץ אויף זיין דאַך און קוק אַראָפּ אויף די פילצאָליקע פאַרשיידענע דיינקמאָלן פון אַלע זייטן, וואָס אי־לוסטרירן אַ שטיק אַמעריקאַנער געשיכטע, און אויף די געביידעס, וואָס זיינען אַ שטיק געשיכטע פון ניו־יאָרק. אָט קומען מיר צו צום מעדיסאָן־סקווער, ווו עס שטייט די שפיציקע, שמאָלע, 20־שטאָקיקע „פלעט־איין־הויז”, און צעשניידט דריי גאַסן: די פינפטע עוועניו, בראָדוויי און די מעדיסאָן־עוועניו. דער בנין זעט אויס, ווי אַ פלעט־

איין, און אין אייראָפּע קאָן מען אים זייער גוט: מ׳זעט כּמעט ניט קיין איין בּילד פון ניו־יאָרק, ווו אָט־דער פּלעט־אייזן זאָל ניט אַריינשטעקן זיין לאַנגע חוצפּדיקע נאָז.

אַטראַ, אויפן מעדיסאָן־סקווער, הייבּט זיך אָן דער אמתער בּבל, דער אמתער קאָך פון דעם מאָדערנעם ניו־יאָרק. בּיז איצט האָבּן זיך אויך געקייקלט אויטאָמאָבּילן איבּערן אַספּאַלט, אָבּער דאָ קייקלען זיי זיך פּשוט אין איין קאַשע, און אַז מען זיצט אויבּן, זעט מען נאָר איין גרויסע, געדיכטע, בּאַוועגלעכע מאַסע. ווען דער פּאָליציסט, וואָס שטייט אויף יעדן ווינקל, טוט אַ פייף—שטעלן זיי זיך אָפּ, און דעמאָלט שטייען זיי און שיפּען אַזוי ווי ווילדע חיות, וואָס מען האָט בּיי זיי אָפּגענומען דעם כּח צו שעדיקן, און די פאַרבּייגייער פילן דאָס מאַקע און זיינען זיך נוקם: זיי טוען זיך אַ לאָז האַרט פאַר די נעז פון די אויטאָס, און יענע שיפּן נאָר אין מאַכטלאָזן צאָרן. אָבּער דערפאַר, ווען דער פּאָליציסט טוט ווייטער אַ פייף, טוען זיך ווידער די אויטאָס אַ לאָז, אַזוי ווי אַ מחנה מוראשקעס, וואָס מען רויבּערט אויס. און עס ווערט אַזאַ געמיש, מיט אַזאַ פּלאָנטער פון אויטאָס, אַז דער אויבּערשטער זאָל זיך מרחם זיין!

אַרום און אַרום פּויזשען נאָך אַ סך גרינע צווייטשטאָקיקע אויטאָבּוסן, און אַלע זיינען געפּאַקט מיט מענטשן, וועלכע ווילן איינזאַפּן אַבּיסל פרישע לופט, וואָס מען קאָן דאָס אַזוי זעלטן טאָן אין ניו־יאָרק, און אַלע קוקן אַראָפּ אויף דעם שווינבּלדיקן לעבּן, וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף בּיידע זייטן גאַס. אויף די שוואַרצע געדיכטע סטענגעס מענטשן, וואָס ציען זיך אָן אויפהער און וואָס שטופּן זיך קוים דורך זייער וועג, אויף די מענטשן, וואָס שטראָמען אַזוי פיל, אַז עס שווינדלט שוין ממש פאַר די אויגן.

מיר פאָרן פאַרבײַ די גרויסע שפּעער, די קליידער־פאַבריקן, וווּ עס אַרבעטן די צענדליקער טויזנטער ייִדן מיט בערד און פּאות. ייִדן, וואָס האָבן אָװעקגעלײגט זײער גאַנצן געזונט און לעבן אויף צו באַרײכערן די באַלעבאַטים. מײדלעך, אויסגעמוטשעטע, אויסגעבלײכטע, הויט און בײנער, וואָס האָבן אָוועקגעגעבן אַלע זײערע יאָרן, זײנען פאַרזעסן געוואָרן, אַרויסגעשלעפּט דעם קלײ פון זײערע בײנער, כּדי צו שיקן אין דער אַלטער הײם זײערע אַזוי בײטער און בלוטיק פאַרהאָרעוועטע גראָשנס. און פאַר די אַרײנגײנג אין די שפּעער זעט מען אַזוי אָפט, ווי עס שטײט אַ מאַן, אָפּגעריסן, פאַרחושכט, מיטן שטעמפּל פון הונגער אויפן פּנים, און האַלט אין זײנע אויסגעדאַרטע הענט אַ גרויסן פּלאַקאַט: „בײ דעם און דעם אין שאַפּ איז אַ סטרײק". דאָס איז אַ פּיקעט פון סטרײקער. און האַרט בײ אָט די אומגליקלעכע מענטשן גײען זאַטע, צופרידענע און שײנע מענער און פרויען, וואָס די פרײזן פון די פעלצן, וועלכע זײ טראָגן, שטײגן אפשר אַריבער דעם בודזשעט פון אַ גאַנצער מלוכהלע, און עס דאַכט זיך, אַז די לופט פון דער גאַס גופא שמעקט מיט די טײערסטע פּאַרפיומען.

ביז דער זעכציקסטער גאַס צו ציען זיך רײכע געשעפטן. אָבער אין פריערדיקע יאָרן האָט די פינפטע עוועניו אין דעם ראַיאָן געהאַט גאָר אַן אַנדער אויסזען. דאָ איז ניט געווען קײן זכר פון געשעפטן, דאָ האָבן זיך נאָר געפונען לוקסוס־הײזער פון די מיליאָנערן. אָבער אַ פּוילישער ייִד, אַ הענדלער מיט גרונטשטיק, האָט אײנגעזען, אַז דאָס איז גאָר ניט קײן שלעכטער אָרט פאַר געשעפטן. ער האָט אָפּגעקויפט אַ ניט־באַבויטן פּלאַץ, האָט דאָרטן אויסגעבויט אַ געשעפט־הויז, און די מיליאָנערן האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער דעמאָקראַטישער שכנות, האָבן אָנגעהויבן לויפן פון דאָרטן אין פּאַנישן שרעק. זײ האָבן

אָנגעהייבן פּאַרקויפן זייערע הייזער אומזיסט, מענטשן זיינען גליקלעך געוואָרן, און זיי האָבן זיך אַלע אַריבערגעטראָגן ווייטער, איבער דער זעכציקסטער גאַס. דאָ האָבן זיי געפונען זייער מקום־מנוחה, ווייל די פּאָליציי האָט זיך דערבאַרעמט אויף זיי — אַ צער־בעלי־חיים — און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז פון דער זעכציקסטער ביז דער הונדערטסטער גאַס טאָר מען קיין געשעפטן ניט עפענען, און מען זאָל דאָרטן לאָזן די מיליאָנערן רויק אויסלעבן זייערע יאָרן.

און איצט זיצן זיי זיך דאָרטן, רויק, שטיל. דאָרטן האָבן זיי זיך זייערע רייכע פּאַלאַצן, די יידן האָבן זיך דאָרטן זייער אַכט־מיליאָן־דאָלאַרדיקן טעמפּל „עמאַנועל", די גוים האָבן דאָרטן זייערע צוויי־פיל־און־צוויי־פיל מיליאָניקע קירכן, עס איז אַ לעבן, ווי אַ לעקעך. דער פּרעכטיקער סענטראַל־פּאַרק ציט זיך אין יענעם געגנט, און איז מיט זיין קלאָרער לופט מהנה די מיליאָנערן, וועלכע פילן זיך איצט ניט אַזוי פויגלדיק אין דעם פּאַרדעמאָקראַטישטן ניו־יאָרק.

אָבער פון דער הונדערט־צענטער גאַס ביז צום סוף פון דער עווענו הערשט שוין אַזאַ אָרימקייט און אַזאַ דלות, — אַ שרעק. דאָרטן איז איינער פון די אָרימסטע קוואַרטאַלן פון ניו־יאָרק. און איין קאַשע זיינען דאָ צענויפגעשפּאַרט יידן, נעגערס, מעקסיקאַנער, פּאָליאַקן, אַראַבער, און וועער ניט? און אַלע באַגלייך גייען זיי אויס פון הונגער און פון נויט — דאָ, אין דער מיליאָנערישער פינפטער עווענו פון דער מיליאָנערישער שטאָט ניו־יאָרק, פון דער אומגעהויער־רייכער מדינה אַמעריקע.

צוריקוועג מיט דעם זעלבן אויטאָבוס האָט זיך דער אויסזען פון דער גאַס אַביסל געביטן, עס איז בּוימיק־צייט, און די אַלע רעסטאָראַנען, וואָס ציען זיך לייענגויס דער

גאַס, זײַנען געפּאַקט מיט מענטשן. די גאַס האָט זיך אַרײַנגעקערט אַהער, אין די פּרעסאַרניעס, און דורך די שפּיגלפענסטערן פון די אַלע „טשאַילדס"-רעסטאָראַנען, פון די אויטאָמאַטן, פון די קאַפעטעריעס זעט מען, ווי אינעווײניק זיצן און שטײען מחנות מענטשן, באַלאַגערן די טישן און בופעטן, שלינגען אַרײַן זײער מאָלצײַט, ווײַל עס איז קײן צײַט ניטאָ, ווײַל די שטאָט טרײַבט און העצט.

און איך זיץ אויפן אויבן פון דעם אויטאָבוס, וואָס קאַטשעט זיך איבערן אַספאַלטענעם ברוק צווישן צענדליקער טויזנטער אַנדערע אויטאָס, לאָז זיך צערטלען פון דעם לינדן מחיהדיקן ווינטעלע, וואָס איז גלײַך פאַר אַלעמען: פאַר מיליאָנערן. פאַר אָרימעלײַט, פאַר סטרײַקער, פאַר אַמעריקאַנער בירגער, פאַר אויסלענדער. און איך קוק זיך צו, ווי די פינפטע עוועניו פּראַוועט מיט זשעדנעם גלאַנץ אין די אויגן איר בחפזונדיקן מאָלצײַט.

# אין קנויל פון יידישע גאסן

עס ברויזט און קאָכט די איסט=סאַיד, דער לעבעדיקער פולס פון דער יידישער ניו=יאָרק. די טויערן פון אַמעריקע זיינען פאַרשלאָסן, נייע גרינע קומען צו אין אַ זייער קליינער צאָל, פרישע בלוט קומט צו אַהין ניט אין דער נויטיקער מאָס. אָבער פונדעסטוועגן קאָן מען ניט ריידן וועגן בלוטאָרעמקייט פון דער יידישער ניו=יאָרק. אין משך פון די פופציק יאָר, וואָס יידן האָבן געוואָגלט קיין אַמעריקע, האָט זיך די איסט=סאַיד אַזוי פיל אָנגעטרונקען מיט זאַפט און מיט לעבן, און פרישע רויטע (אין דעם פאַל גרינע) בלוט האָט זיך אין אַזאַ שפע צעשטראָמט איבער אַלע אירע אַרטעריעס און אָדערלעך, אַז עס קלעקט נאָך אַפילו פאַר דער איצטיקער טריקעניש=צייט. דער לעבן אויף דער איסט=סאַיד שוימט און בלעזלט זיך, דאָ האָט זיך פאַנאַנדערגעלייגט ווילנע, וואָס איז הונדערטער מאָל גרעסער פון ווילנע, און דווינסק, וואָס איז טויזנט מאָל גרעסער פון דווינסק, און מאָהילעוו, און אָדעס, און קאָוונע און קראָקע און נאָך צענדליקער און הונדערטער יידישע געטאָס פון רוסלאַנד, פון ליטע, פוילן און גאַליציען. און יעדע קאָפּיע איז אָן אַן ערך גרעסער און לעבעדיקער און פילפאַרביקער, ווי דער אָריגינאַל אַליין איז. אויף דער איסטסאַיד איז דער אמתער קיבוץ=גליות, דאָ איז דער שמעלצטאָפּ פון דער גאָרער וועלט.

אדרבא, מאַכט אַ שפּאַציר איבער דער לודלאָו=סטריט, אָדער איבער דער באַרימטער העסטער=סטריט, אָדער דורך דער נאָך מער באַרימטער עסעקס=סטריט, אָדער דורך דער

דעלענסי-סטריט און דורך אַ גרויסער צאָל אַנדערע סטריטן. זיי זיינען אַלע באַרימט, יעדע אין איר אַרט, אויף איר אופן. ווער פון אונז האָט שוין פון קינדוויז אָן ניט געוווסט אָטדי אַלע נעמען? מיר האָבן געלייענט וועגן זיי, מיר האָבן געהערט מעשות וועגן זיי, מיר האָבן געהערט זייערע נעמען אין די אַמעריקאַנער טעאַטער-שטיק, אָבער קיין ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן זיי האָבן מיר דאָך ניט. און מיר קאָנען ניט האָבן, ווייל דאָ זיינען פאַרייניקט אין די משונהדיקסטע, אויסטערלישסטע קאָמבינאַציעס דער אַמאָליקער יידישער תחום, מיט זיין גאַנצער אָרימקייט, ברודנעקייט, פלינקייט, מיטן מאָדערנעם גרויסשטאָטישן פאַרנעם. דאָ קאָנט איר זען אַ סופר כתם, וואָס זיצט, אויפן אַמעריקאַנער שטייגער, ביים פענסטער, און טוט זיין אַרבעט, און אַרום פענסטער, אין דרויסן, קלייבט זיך אַ געזעמל. דאָס איז אַמעריקאַנער „פובליסטי״, רעקלאַמע, ווייל אין אַמעריקע איז אַפילו אַ היימישער סופר אויך דערגאַנגען צו דעם באַוווסטזיין, אַז פובליסיטי איז נייטיק צו יעדער ביזנעס.

טאָמער האָט איר אין די היימישע געטאָס שוין אַ צייט ניט געזען קיין פייערטאָפ, טאָ זייט מוחל און כאַפט זיך אַריבער אין דער ניו-יאָרקער איסט-סאיד. דאָ וועט איר זען דעם פייערטאָפ ניט אין אַ מוזעאום ערגעץ, נאָר דווקא אויף די טראָטואַרן, צופוסנס פון די צען- און פופצען-שטאָקיקע געביידעס. כמעט ביי יעדן ווינקל קאָנט איר זען, ווי איבערן פייערטאָפ זיצט אַ יידענע, פאַרוויקלט אין פיל מער שמאַטיקערע שמאַטעס, ווי אין דער קלענסטער אָרימער שטעטל אין אייראָפע, און מיט אַ מענה-לשון, וואָס ווילנע וואָלט זיך קעגן דעם געמעגט פילן, ווי אַ ניי-געבאָרענער, אומשולדיקער עופהלע, פאַרקויפט זי הייסע באָב, אָדער סוויט-פאָטייטעס, וואָס דאָס מיינט געבראָטענע זיסע בולבעס.

און די געסלעך זיינען שמאָל, קליין און פינסטער. מען זעט דאָרטן כמעט קיין הימל ניט. איבער די הויכע הייזער, און איבער נאָך אַ סיבה: איבערן רויך. אַמעריקאַ־נער יונגאַטשעס האָבן אַ באַזונדערן פאַרגעניגן צוזאַמענצו־שלעפן קאַסטנס און פאַפירן פון אַלע עקן שטאָט, און צו פאַרברענען דווקא אויף די יידישע שמאָלע געסלעך. מען קאָן זיי אַפילו ניט פאַרדיינקען, די קינדער. פאַר זיי איז דאָך דאָס אַ נייס. ווען און ווו וואָלטן זיי דען זען נאַטיר־לעכן פייער? אָבער צוליב דעם שטייט דאָרטן אַ שמילצער און אַ רויך ביזן הימל. — אין אַמעריקע הייסט ביזן הימל: ביזן בוידעם פון אַ פילשטאָקיר געביידע, וויל וואָס עס טוט זיך העכער, האָט נאָך קיין ילוד־אישה ניט געזען.

אַ גרויסע גערעטעניש איז אין די יידישע גאַסן אויף בלערליי קראָמען. זיי ליגן ממש איינער אויפן אַנדערן— די גראָסערים, די דעירים, די קענדי־סטאָרקעס, די אַפטייקן, ווו מען פאַרקויפט אַלץ אין דער וועלט, ווי אייזקרעס, פוטערברויטן, סאָדעוואַסער, און אַפילו בראַנפן אויך, די ספרים־קלייטן.

אין פריערדיקע צייטן איז דער יידישער קוואַרטאַל באַרימט געווען מיט זיין שמוץ. איצט איז ער נאָך אויך ניט שטאַרק זויבער, און ביים דורכשפּריזן די גאַסן שמעקט מען זיך אָן געגנוג טייערע ריחות—,פון יענע ריחות, צוליב וועלכע מען טאָר אָפטמאָל ניט עפענען קיין פענסטער, כדי ניט איבערצופירן די לופט אין גאַס,—אָבער איצט וואַרטן שוין דורכגייער ניט אַזעלכע סורפּריזן, ווי די אינגע־ווייטן פון אַ הערינג, וואָס פלעגן אין אַמאָליקע צייטן אָפט אַרויספליען פון אַ פענסטער און זיך אויסזוכן אַ מקום מנוחה גראַד אויף אַ פלייצע, אָדער אויף אַ ראַנד הוט פונם פאַרבייגייער.

אַז מען גייט איבער דער איסט־סאַיד, ווילט זיך

עפעס גאָרניט גלויבן אין די שוואַרצע נביאות פון מערערע אַמעריקאַנער בנוגע דער יידישער שפּראַך. דאָ הערט מען נאָר יידיש, און מען זעט נאָר יידיש. אָט איז, למשל, אַ גרויסע יידישע רעקלאַמע — אַ גאַנצער וואַנט איז באַשריבן מיט די מעלות פון אַ געוויסן סאָרט ברוכבענדער, פון אַ צווייטער וואַנט שרייט אַראָפּ אין קידוש־לבנה־אותיות די באַשרייבונג פון די דערגרייכונגען פון עפּעס אַן אַפּפיר־מיטל. און עס גלויבט זיך עפּעס ניט, אַז אַ שפּראַך, אויף וועלכער מען רעדט וועגן אַפּפיר־מיטלען, וועגן ברוכבענדער און לייבגאַרטלען, זאָל קיין צוקונפט ניט האָבן. דאָס איז דאָך דער לעבן אַליין — און דער לעבן איז שטאַרקער פון אַלע טעאָריעס.

אויף יעדן קוואַרטאַל געפינען זיך עטלעכע מנינים פון די „אנשי". דאָ איז אַ שול פון די „אנשי נאָוואָ־קאָנסטאַנטינאָוו", דאָרטן איז אַ שול פון „אנשי יערמאָליניעץ", ווייטער איז אַ שול פון „אנשי שפּאַגאַטאָוויקע". און דאָס זיינען ניט נאָר שולן אַליין — דאָס זיינען ערטער, וווּ לאַנדסלייט פון דער אָדער יענער שטעטל פירן דורך אַלע זייערע רעליגיעזע באַדערפעניש, פון וויגעלע ביזן קבר. דאָ געפינט מען דעם מוהל, דאָ קנעלט דער מלמד, דאָ שטעלט מען חופות, און דאָ באַשטעלט מען לוויות. דאָס זיינען די אַלגעמיינע באַדערפעניש, אַחוץ ספּעציעלע, וואָס ווערן דאָ אויך אויפן בעסטן אופן דערפילט. למשל, ווען אַ גוי פאַרוועלט זיך מיטאַמאָל מגייר זיין, וועגן אָט־די אַלע ענינים ווערט אויספירלעך באַקאַנטגעמאַכט דורך אסך שילדן און צעטלען, וואָס הייגען אויפן פראָנט פון דער שול. דאָ הייגט אַ שילד, ווו דער באַרימטער פּעדאַגאָג ר' פלוני אלמוני זינגט זיך אַליין שבחים, אַז אַ קאָזאַק וואָלט רויט ווערן, און דערציילט וועגן זיינע גרויסע פּעדאַגאָגישע דערפאָלגן. דערביי הייגט אַ שילד, אויף וועלכן

דערזועלביקער פעדאגאָג וויזט אַרויס זיינע פּילזייטיקע פייקייטן, און דערציילט, אַז ער איז דער בעסטער מוהל אין ניו-יאָרק, און אַז אַלע זיינען מיט אים צופרידן. אויף אַ דריטן שילד רעקאָמענדירט ער זיך אַלס אַן אויסגעצייכנטער מסדר-קדושין. און ער לאַדט איין אַלע יונגע פּאָרלעך, וועמען עס וויל נאָר באַהאַלטן אַ גוטן אָנדיינק וועגן דעם גליקלעכן טאָג פון דער חופה און האָבן אַ פרייליכע גליקלעכע מערכה, — צו שטעלן ביי אים אַ חופה, און זיך פאַרשרייבן ביי אים מיט אַ צייט פריער, ווייל גאַנץ ניו-יאָרק שטייט ביי אים אין דער צייל, און אַלע גאַרן, אַז נאָר ער, ר׳ פּלוני אלמוני, זאָל זיי חתונה מאַכן. און אויף אַ פערטן שילד שטייט געשריבן, אַז אָטדער זעלביקער פּילזייטיקער מענטש איז אויך אַ גרויסער חזן, גאָר אַן אויסטערלישע צאַצקע, אַ נעים זמירות ישראל, און מען קאָן אים הערן יעדן פרייטיק און שבת, און דערמיט זיך איינקויפן מיט איין קלאַפּ עולם הבא און עולם הזה.

די איסט-סייד, אַזוי ווי גאַנץ ניו-יאָרק, בויט זיך אויף רעקלאַמע. אַלץ רעקלאַמירט זיך, אַלץ לויבט זיך אויף אַ קנאַקעדיקן אופן. מוכר-ספרימניקעס האַלטן אַרויסגעשטעלט גרויסע פּלאַקאַטן, אַז די ספרים, וואָס מען קויפט ביי זיי, זיינען די טייערסטע אין דער וועלט, די וועלטלעכע ביכער זיינען די אינטערעסאַנטסטע אין דער וועלט. די הויזירערס אויף דער באַרימטער אָרטשאַרד-סטריט, וואָס פאַרקויפן בלערליי סחורות, שרייען, אַז זייערע שפּאַנקעס און זאָקנבענדלעך זיינען די בעסטע אין דער וועלט, אַז זייערע מישוועקעס און קאַלאָשן זיינען די טייערסטע אין דער וועלט. אַפילו די פאַרקויפער פון אַלטע פידלען און סטרונעס און פון אָפּגענוצטע, הייזעריקע פאָקסאָפאָנען שרייען, אַז זייערע אינסטרומענטן זיינען די בעסטע, וואָס עס גיט נאָר, און אַז אווירווינג בערלין אַליין האָט זיינע

לידער פאַרפאַסט אויף זייערע אינסטרומענטן, און די הענד־לער מיט באָב און אַרבעס און מיט געבראָטענע קאַשטאַ־נעס טענהן, אַז זייערע סחורות זיינען די געשמאַקסטע, אַ כפּרה מאַרציפּאַנעס און אַנאַנאַסן. מען האָט מיר אפילו אָנגעוויזן אויף אַ מענטשן, וואָס ליגט אין אַ קאַלטן שמו־ציקן און פינסטערן קרעמל אין אַ פאַרוואָרפענער געסל און פאַרקויפט פאַר גראָשנס שטיקלעך ווורשט די אָרימע ווייבער. אַליין איז ער אַ באַבעדרטל, פאַרשמאָלצענער ייִדל, אָבער מען האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אַרום צוואַנציק עלעגאַנטע געשעפטן אין ניו־יאָרק, אַז ער שפּייזט גאַנץ ניו־יאָרק מיט כשרע ווורשט, אַז אויטאָמאָבילן מיט זיין פירמע פליען אַרום איבער גאַנץ שטאָט. און דאָס, וואָס ער זיצט אין אַלטן קרעמל, זיין עושטן קראָם, וו ער האָט אָנגעהייבן אַרבעטן, איז אויך נאָר לשם־רעקלאַמע, מען זאָל זיך מער פאַרינטערעסירן מיט אים.

אַ באַזונדערן אָרט אין דעם ייִדישן קוואַרטאַל פאַרנעמט די עלען־סטריט, די גאַס פון די מזרח־ייִדן. שוין די אויסערלעכקייט פון דער גאַס מאַכט אַן אויסטערלישן, מיסטישן רושם. איבער דער גאַנצער לייַנג פון דער סטריט ציט זיך אַ בריק, איבער וועלכן עס פליען ווי רוחות, אַהין און צוריק, די צוגן פון דער על, דער הויכבאַן. ער פאַרשטעלט פון דער סטריט די ליכטיקע שיין. און דער על פילט איר אָן מיט אַ משונהדיקן, גהינומשן טומל, און אין דערדאָזיקער האַלב־פינסטערניש און שטענדיקן גערויש, אונטערן בריק, דרייען זיך אַרום שוואַרצע, באַוואַקסענע ייִדן פון פּערסיען, פון קאַווקאַז, פון מצרים, פון סיריען, פון תימן, און זייערע טונקעלע פּנימער ווערן נאָך סודותדיקער אין דער האַלב־פינסטערניש פון דער גאַס, און זייערע טומלדיקע באַוועגונגען און כאָרבל־דיקע קולות ווערן פאַרהילכט און צעשפּרייט דורך דעם

אײביקן טומל פֿון דער על איבער דער גאַס. דאָרטן איז
אויך פֿול מיט בלערלײ קרעמלעך, מיט װאַרשטאַטן, מיט
שפּײַז=קלײטלעך, און אַלע טראָגן זײ אויף זיך נעמען, װאָס
יעדער פֿון זײ איז אַ שטיק היסטאָריע. אָט איז אַ שו=
סטער=װאַרשטאַטל מיט אַ שילד „אַלראָי״, אָט איז אַ
שפּײַז=קרעמל, װאָס באַלאַנגט צו „צרפתי״. יענער קופּער=
שמיד=װאַרשטאַט האָט זיך אויסגעקליבן אַ באַלעבאָס מיטן
נאָמען „אדרת״. און אַ קאָסטיום איז מיר אויסגעקומען
לאָזן פּרעסן בײַ אַ שנײַדער, װאָס הײסט „גבירול״.

# דער פּרייז פון אַגאָט

מערערע מאָל איז מיר אויסגעקומען פאַרבייצוגיין אַ תּלמוד־תּורה אויף ריווינגטאָן־סטריט, אין דער איסט־סאַיד. און יעדן מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב זיך אַריבערגעטראָגן אין אַ קליינער, פאַרצייטיקער ליטווישער שטעטעלע. דער בנין איז געווען אַ פינסטערער, אַ האַלב־חרובער, דאָס רוב פענסטערן פאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר און פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס, און אין די הפסקות זיינען אַרומגעלאָפן איבערן שמוציקן טראָטואַר פאַר דער הויז יינגלעך פאַרבראָזשעטע, פאַרדריפּעטע, מיט טריפנדיקע נעזלעך, פון וועלכע זייערע הייזלעך האָבן אָפטמאָל אַרויסגעקוקט ווייסע עקן, און אויף די קעפּלעך—פאַרפּעכטע יאַרמאַלקעס, וואָס זייערע זיידעס האָבן נאָך געטראָגן. דער פּלאַץ, איבער וועלכן די קינדער זיינען אַרומגעלאָפן, איז פאַרוואָרפן געווען מיט בערג בלאָטע, אַלטע פּאַפּירן און אַלטע קאַסטנס, און צווישן די אַלע אַנטיקלעך איז זיך געזעסן אַ ייִדענע מיטן שטעמפּל פון גאַנצן גלות און חושך פון ייִדישער אָרימקייט, פאַרוויקלט אין אָן אַ צאָל שמאַטעס און פּאַטשיילעס. זי איז געזעסן אויף אַ פּייערטאָפּ, און פאַר איר איז געשטאַנען אַ קעסעלע מיט געקאָכטע אַרבעס, נאָך אַ קעסעלע מיט באָב, אַ טעפּעלע מיט געבראָטענע קאַשטאַנעס און נאָך אַזעלכע צפּיחיתלעך. די פאַרשמאָדערטע קינדערלעך האָבן זיך געקליבן אַרום דער ייִדענע אין געזומלען, זיך איינגעקויפט ביי איר דעליקאַטעסן. זי האָט זיך געריעט מיט איר פּראָסטבייליקער ניט גאָר ציכטיקער האַנט אין די טעפּלעך מיט סחורה, און געטיילט יעדן אַ הויפן,

צי צווי. דעריבער האָט איר קיינער ניט געצאָלט תיכף אויפן אָרט, יעדער איינער האָט בײ דער ייִדענע געהאַט א קאָנטע, זי געדיינקט פונקט יעדנס חשבון, און ווען עס קומט דער פּרײַטיק, ווערן די קעשענעס פון דער ייִדענעס בוזעם געפּאַקט מיט די פּעניעס, ניקעלס און דײַמען פון דער קליינער חברה.

אַלצדינג איז פונקט ווי אין זאַמעט מיט צענדליקער יאָרן צוריק. דער איינציקער חילוק איז נאָר געווען, וואָס די ווײַסע חברה אויף ריווינגטאָן-סטריט האָט בעתן שטיפן און הוליען גערעדט ענגליש, און אַפילו דער פאַרפעכטער, פאַרוועלעטער מלמד, בעתן אַרויסקומען צוזאַמענצורופן די תלמידים, האָט אויסגערופן ניט דעם סקאַרבאָוון „אין חדר אַרײַן", נאָר: „קאָם אָן, קאָם אָן!"

אָט אַזוי זעט אויס די ייִדישקייט אין אַמעריקע. עס איז בערך דאָסזעלביקע, וואָס אין דער אַלטער היים, אָבער עס האָט צוגעקומען אַ ספּעציפישן אַמעריקאַנער כאַראַקטער, עס האָט זיך אַביסל אַנדערש פאַרשליפערט. ייִדישקייט אויף ייִדיש אָנערקענט מען ניט. דער עולם ברעכט די ציין צו רײדן ענגליש. מסתמא רעכנט מען, אַז דער אויבערשטער פאַרשטייט בעסער די ענגלישע שפּראַך. און עס קומט עפּעס משונהדיק אויס, בעת מען הערט, ווי דער גבאי טיילט עליות און רופט אויף צו דער תורה אויף ענגליש, אָדער, ווי דער שמש זאָגט אויף ענגליש אָן זמן שחרית.

אין ניו-יאָרק איז ייִדישקייט שטאַרק פאַרשפּרייט, און עס איז פאַלש די מיינונג, וואָס מען האָט אין אייראָפּע וועגן דעם. שולן און תלמוד-תורות און ישיבות זיינען פאַראַן אויף יעדן טריט. און ניט פּשוטע שולן און ישיבות, נאָר אונטער קלינגעוודיקע פירמעס. שולן און ישיבות „מחזיקי הדת", און „עמוד ישראל" און „עדת ישורון" און

„בית־אל" און נאָך און נאָך. אין יעדער פון די שולן דאַוונט אַ באַרימטער חזן, איינער פון די חזנים „דאָלאַר־שלינגערס", וואָס אין אייראָפּע דערציילט מען זיך לעגענדעס וועגן זייער עושר און כבוד. עס דרשנט אַ באַרימטער מטיף, עס לייענט אַ באַרימטער בעל־קורא. אין יעדער ישיבה לערנען די גרעסטע גאונים.

אָבער קודם־כּל איז פּרומקייט אַן ענין פון פּרנסה, און מען קוקט אויף דעם, ווי אויף ריינע ביזנעס. יעדע שול דערציילט אין גרויסע און זייער געשעפטמעסיק צענויפגע־שטעלטע מודעות וועגן אירע מעלות, וועגן איר כשרות, וועגן די באַרימטע מענטשן, וואָס טרעטן דאָרטן אַרויס. יעדער כּלי־קודש אַדווערטייזט זיך, דאָס הייסט רעקלאַמירט זיך, באַזונדער. עס איז כּדאַי אַ קוק צו טאָן די צייטונגס־מודעות, דער עיקר פאַר אַ יום־טוב, כּדי צו זען, וואָס פאַר אַ פּנים פּרומקייט האָט אין אַמעריקע. אָבער נאָך בעסער איבערציינגט מען זיך אין דעם, בעת מען באַקוקט דאָ די שולן, בעת מען באַקענט זיך נעענטער מיטן רע־ליגיעזן לעבן און בעת מען זעט די גרויסע פּלאַקאַטן, וואָס כמעט יעדע שול שטעלט אַרויס פאַר איר טיר מיט וואָכן פאַר דעם, איידער בײַ איר וועט אופטרעטן עפּעס אַ באַ־רימטהייט.

— דאָ, בײַ אונז אין שול, וועט דעם שבת דאַוונען דער גרויסער, וועלט־באַרימטער, באַליבטער, באַשריבענער, לאַנג־דערוואַרטער חזן דער און דער, וואָס האָט פאַרן ימים־נוראימדיקן דאַוונען אָפּגענומען אַזוי פיל און אַזוי פיל טויזנטער!

און דאָס איז דער עיקר. וואָס מער טויזנטער דער חזן האָט אָפּגענומען, אַלץ מער ציט ער דעם עולם. ווײַל ווער, אייגנטלעך, דאַרף זיין חזנות? מען וויל זען דעם מענטשן, וואָס איז אַזוי „גוד־אַפּ" און וואָס נעמט אַזוי פיל

טויזנטער, און מען וויל קאָנען דערציילן, אַז מען האָט אים געזען און געהערט.

אַז מען זעט אָמדי אַלע מודעות פֿון דעם כאַראַקטער, דערפֿילט מען טאַקע דעם אמתן טעם פֿון דער אַמעריקאַנער פֿרומקייט. אמת, זי איז פֿאַראַן, אָבער זי איז אַזוי „געבוממט“, אַזוי „אַדווערטייזט“, אַז זי איז געוואָרן אַ גאָר גוטער געשעפֿט. פּונקט אַזוי — און אפֿשר נאָך בעסער — ווי האַנדלען מיט הייזער, אָדער פֿאַרזיכערן. די אַמעריקאַנער מאַסע, וואָס האָט בכלל אַ טבע צו פֿאָלגן די באַפֿעלן פֿון דער גרויסער רעקלאַמע, האָט עס אין דעם פֿאַל אויך געטאָן. מען האָט געמאַכט אַ גוט געשעפֿט מיט גאָט — און דאָס איז אַלץ, ווי מען זאָגט דאָ. און אָפּטמאָל — אַ זינדיקער מענטש! — וואַרט איך טאַקע, אַז אין סאָבווי זאָל זיך צווישן די אַלע רעקלאַמעס וועגן שפּינאַט, שיך, ביסקוויט און זייף, אויך באַווייזן אַ פּלאַקאַט מיט אַ קינסטלערישער צייכענונג און מיט אַן אויפֿשריפֿט אין סטיל פֿון אַלע היגע פּלאַקאַטן: „טו אַזוי, ווי עס טוען די מיליאָנען יידן. לייג תּפֿילין — דאָס וועט העכערן דיינע פּרנסה־מעגלעכקייטן אויף 50 פּראָצענט“, אָדער: „טו אָן אַ יאַרמאָלקע — דאָס וועט דיר פֿאַרהיטן פֿון באַקומען אַ פֿליך“. דערווייל איז דאָס נאָך ניטאָ, אָבער אַזאַ מין פּלאַקאַט, אָדער עפּעס ענלעכעס, קאָן זיך יעדן טאָג באַווייזן. דער באָדן איז שוין רייף פֿאַר דעם.

אָט אַזוי אומגעפֿער זעט אויס די יידישקייט פֿון די איינגעוואַנדערטע. ביי די אמתע אַמעריקאַנער יידן, ביים צווייטן אָדער ביים דריטן דור, זעט דאָס שוין אויס אַנדערש. ביי זיי, ד. ה. ביי די פֿרומע צווישן זיי, האָט עס איינגנטלעך אויך דעם זעלבן טעם, אָבער די פֿאָרם איז אַן אַנדערע. עס גייט צו שטילער, מען אַדווערטייזט ניט בקולי־קולות, מען מאָנט ביי קיינעם ניט. אין תּוך איז אָבער ביי

זיי אויך דאָס אייגענע, עס איז אויך נאָר אַ האַנדל, אָבער
עס איז ווי יענע אַלטע מעשה מיטן דייטשן יידן, בעת
ער האָט געהערט, ווי אַן אָרימער רוסישער ייד שטייט
אין שול און בעט דעם אויבערשטן, ער זאָל אים צושיקן אַ 25=ער
אויף חתונה צו מאַכן זיין מיידל. דער דייטש איז געוואָרן
מלא חמה און געזאָגט צום אָרימאַן:

— דו, קבצן איינער, וואָס פירסטו מיר איבער דעם
פלאַץ מיט דיין לומפיקן 25=ער? נאַ דיר דעם 25=ער און
טראָג זיך גיכער אָפּ פונדאַנען!

דער וויץ איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דעם יידישן
רעליגיעזן לעבן אין ניו=יאָרק, אָבער נאָר אין זיין ערשטער
העלפט. די איינגעוואַנדערטע יידן מאַכן אין זייער פרומ=
קייט געוואַלדעס אויף אַ 25=ער,, אָבער דער געבאָרענער אַמערי=
קאַנער ייד האָט שוין גרעסערע אַפּעטיטן. ער מאַכט מיט גאָט אַ
גרויסן געשעפט, גאָר אַ גרויסן, און עס איז כדאי צו זען
די קאָלאָסאַלע טעמפּלען פון די אַמעריקאַנער יידן, זייער
רייכקייט און גלאַנץ, קעגן וועלכע די שולן פון די איינגע=
וואַנדערטע זיינען מיט זייער גאַנצן פוץ ניט מער, ווי
נעבעכדיקע הייזקעס; עס איז כדאי צו הערן אַ דרשה —
(אַן ענגלישע, פאַרשטייט זיך) — פון זייערן אַ ראַבאַי,
קעגן וועלכע דאָס רוב רבנים פון די יידישלעכע שולן
זיינען ניט מער, ווי שמאַמלערס. ס'איז כדאי ביצוזיין זייערן אַ גאָ=
טעסדינסט, צוהערן די גלענצדע חזנים, די פּרעכטיקע
כאָרן, דעם מאיעסטעטישן שפּיל פון אָרגל און, דער עיקר,
זיך צו דערוויסן וועגן די קאָלאָסאַלע שכירותן, וואָס זייערע
רבנים און חזנים באַקומען (די שכירות פון די איינגעוואַנ=
דערטע כלי=קודש זיינען, ניט געקוקט אויפן גאַנצן טומל,
וואָס מען מאַכט אַרום זיי, לגבי דעם נאָר גראָשנס), ——
עס איז כדאי דאָס אַלץ צו זען, צו הערן און צו וויסן,
כדי זיך צו איבערצייגן, אַז דעם אמתן געשעפט מיט גאָט

מאַכן מאַקע יענע. זיי גיבן אויך אסך, אָבער דאָס לוינט
זיך. דערפאַר האָבן זיי אַן אייגענעם גאָט, און ווער עס
האָט געזען די שטראַלנדיקע, גליקלעכע פּנימער נאָך אַ
גאָטעסדינסט אין אַ טעמפּל, דעריעניקער פאַרשטייט, אַז
די צופרידנקייט, וואָס אַ גאָט ברענגט, איז אָפּטמאָל ווערט
די גרויסע געלטער, וואָס מען גיט אויס אויף אים.

# פון ביידע זייטן וויליאַמסבורגער בריק

איבערן איסט־ריווער, דעם וואַסער, וואָס טיילט אָפּ דעם ברויזנדיקן מאַנהעטן פון דעם געלאַסענעם, פאַרשלאָפענעם ברוקלין, ציען זיך אָן אַ צאָל בריקן. ניט בריקן — שפּיצן=געפלעכטן פון שטאָל, בעטאָן, פעלז, געבויטע אין שטאָק=ווערק, מיט הויכע טורעמס, וואָס הייבן גאוהדיק זייערע מעכטיקע פּלייצעס צו די הימלען און שפּרייטן נעצן פון אייזערנע דראָטן איבערן וואַסער. דריי פון די בריקן זיינען באַזונדערש באַוווּסט — מאַנהעטן=ברידזש, ברוקלין־ברידזש, וויליאַמסבורג=ברידזש.

מיר איז באַזונדערש נאָענט דער לעצטער. ער איז, אַזוי צו זאָגן, מיינער אַ לאַנדסמאַן. אים האָט געבויט דער אינזשענער מאָיסעיעוו, אַ ריגער. דעריבער גיי איך אָפט איבער דעם בריק און איך פיל זיך אויף אים אַביסל, ווי אין דער היים. און איך פלים זיך אויסצוגעפינען אין די פערמעס, אין דעם אייזערנעם געפלעכט עפּעס, וואָס זאָל מיר דערמאָנען מיין היים. אָט צו אַזעלכע משוגענע געדאַנקען און פאַרשטעלונגען קומט מען אין דער פרעמד, אין דער ניו=יאָרקער איינזאַמקייט צווישן מיליאָנען. דאָ ווערט עס פּשוט אַ מאַניע, אָטדאָס זוכן היימישע קלאַנגען.

דער בריק הייבט זיך שוין אָן אַ שטיק פאַרן וואַסער. ער ציט זיך אַ גרויסן מהלך איבער דער יבשה, איבער דער יידישער דעלענסי=סטריט. צוויי שיינע, ברייטע טרעפּן פירן אַרויף פון גאַס אויף אַ לאַנגן, ציכטיקן וועג, וואָס איז פון ביידע זייטן אויסגעשטעלט מיט בײנק. און

נאָכדעם, ווי מען גייט אַ היפּשע ווײַלע אָפּ אויף דער פּלאַטפֿאָרמע, אונטער וועלכער עס טומלט די ייִדישע דעלענסיסטריט מיט אירע באָבע־יידענעס, מיט אירע בייגל־ייִדן, מיט אירע באַשייטלטע נדבה־בעטלערקעס און מיט אירע ראַדיאָס, וואָס כאָרכלען אויף יעדן ווינקל חזנישע שטיקלעך, הייבט מען זיך אַרויף אויף נאָך אַ טרעפּ, נאָכדעם לאָזט מען זיך ווײַטער אַראָפּ, און דעמאָלט ווערט מען אַרומגערינגלט מיט אײַזערנע שטאַנגען און דראָטענע קאַנאַטן. מען געפֿינט זיך אויפֿן אײַנגעמלעכן בריק.

דער בריק איז אײַנגעטיילט אין עטלעכע שטאָק — איין שטאָק פֿאַר פֿוסגייער, נאָך אַ שטאָק פֿאַר אויטאָמאָבילן, נאָך איינער פֿאַר אײַזנבאַן און טראַמוואַי, און אונטער דעם קײַקלט דער איסט־ריווער זײַנע ברודיקע כוואַליעס, רויכערט פֿון די טויזנטער שיפֿן און שיפֿלעך, וואָס פֿליִען אַהין און צוריק, און פֿײַפֿן און טרובען אָן אויפֿהער.

וואָס ווײַטער מען גייט איבערן בריק, וואָס מער מען דערווײַטערט זיך פֿונעם ברעג פֿון מאַנהעטן, אַלץ מערקווירדיקער ווערט די פּאַנאָראַמע. ווען מען קוקט זיך אום, זעט מען דעם גאַנצן ביזנעסדיקן, וואָלקנקראַצנדיקן און ווירבלדיקן טייל פֿון ניו־יאָרק, אַזוי ווי אויסגעלייגט אויף אַן אָפֿענער האַנט, מען זעט די וואָלקנקראַצערס מיט זייערע ברייטע פּלייצעס, חוצפּהדיקע שטערנס און פֿילצאָליקע אויגן — מען זעט זיי, ווי זיי האָבן זיך אַלע אויסגעשפּרייט, אַזוי ווי טרעפּן, איינער העכער פֿון אַנדערן, איינער נידעריקער פֿון אַנדערן. אין דעם בילד, וואָס מען האָט פֿאַר זיך, איז ניטאָ קיין גלײַכמעסיקייט, קיין שנירלדיקייט. אָבער דווקא דאָס איז שיין, עס איז ממש פֿאַנטאַסטיש, ווײַל עס איז אַזוי פֿאַרשיידנאַרטיק. די ליניע, וואָס גרעניצט אָפּ פֿון אויבן אָט די גאַנצע פּאַנאָראַמע, איז מאָדנע כוואַליעדיק און צעקריצט — אָט הייבט זי זיך אַרויף מיט

גרויס בונט קעגן נאַכט און קעגן זיינע מלאכים, און אַט לאָזט זי זיך אַראָפּ און וואַלגערט זיך אין שטויב. און ווען מען קוועטשט אַביסל צו די אויגן, און מען קוקט דורך אַ שמאָלן שפּעלטעלע פון צווישן די ברעמען, דאַכט זיך אויס, אַז אַן אומגעהויערער, פאַנטאַסטישער לויתן האָט זיך אויסגעלייגט, האָט זיך צענויפגעדרייט איבער ניו־יאָרק, און ער טיילט דאָס אָפּ ניו־יאָרק פון הימל.

ווען מען דערנעענטערט זיך צום אַנדער ברעג, צו דעם ברעג פון וויליאַמסבורג, אַ טייל פון ברוקלין, קומט שוין פאַר די אויגן גאָר אַן אַנדער בילד. קיין וואָלקנ־קראַצערס זיינען דאָ ניטאָ, אָבער מען זעט דאָרטן אויך הויכע הייזער און באַזונדערש פיל פאַבריקן, וואָס שטייען אויפן ברעג פון איסט־ריווער און זיי לאָדן זייערע סחורות אין שיפן. דאָס אָנלאָדן פון די שיפן קומט פאָר אויף אַן אינטערעסאַנטן אופן: פון פענסטערן ציען זיך אויף דראָטענע קאַנאַטן אָן אויפהער קאַסטנס און זעק, און לאָזן זיך אַראָפּ גראַד אין די טריומען פון די שיפן. און ווען מען קוקט אויף דעם פון אויבן, שטייענדיק אויפן וויליאַמסבורגער בריק, דאַכט זיך אויס, אַז ענדלאָזע שנירלעך פערל ציען זיך אין דער לופטן, אַזוי ווי די שפינוועבס־שנירלעך, וואָס פליען אַרום אין דער האַרבסטיקער לופט, ווי באָבע־יאַכנע־שנירלעך. און דער איינדרוק, אַז דאָס זיינען האַרבסט־פעדים, ווערט נאָך שטאַרקער דערמאָלט, ווען דער טאָג איז אַ זוניקער, ווען אַלע בנינים אַרום, אַלע שיפן אויפן טייך און אויך די אייזערנע פערמעס פונם בריק זיינען אָנגעטאָן אין אַ מלבוש פון צעשמאָלצענעם גאָלד. דערמאָלט בלישטשען אויף פון צייט צו צייט אין זון די דראָטן, וואָס ציען אַראָפּ די זעק, און די זעק שיינען אויף אין די שטראַלן, אַזוי ווי פאַנטאַסטישע פערל.

און אַז מען לאָזט זיך אַראָפּ פון דעם בריק, און

מען קומט אַריין אין וויליאַמסבורג, טונקט מען זיך אָפּ גאָר אין אַן אַנדער וועלט. דאָרטן איז אויך טומלדיק און רוישיק, עס זיינען פאַראַן אַ סך געשעפטן, קינעמאַטאָגראַפן, איבער די גאַסן פליען הויכבאַנען, אויטאָמאָבילן הודזשען, פּאָליסלייט שטייען און קאָמאַנדאַווען, רויטע און גרינע פייערן רעגולירן דעם פאַרקער, פוסגייער ווי זאַמד און ערד צעקריכן זיך איבער די גאַסן און פּלעצער. אָבער אַלץ איז שמוציקער און אָפּגעלאָזענער, ווי אויף יענער זייט בריק. וויליאַמסבורג איז אַן אָרימער קוואַרטאַל. דאָ איז אַלץ עפּעס הושכדיקער, פאַרוויכערטער, אומצופרידענער, און די מענטשן זיינען זוירער.

עס לעבן דאָ כלערליי פעלקער און אַלע האַבן זיך, אַזוי ווי אומעטום אין ניו־יאָרק, זייערע קוואַרטאַלן, וווּ זיי מישן זיך מיט קיין אַנדערן ניט אויס. דאָ האָט איר אַן איטאַליענישן קוואַרטאַל, וווּ עס וווינען נאָר איטאַליענער, וווּ עס איז געפּאַקט מיט איטאַליענישע גאָרקיכער, וווּ דער ריח פון ספּאַגעטי טראָגט זיך אַרום אין דער לופטן. און דאָ האָט איר אַ גריכישן קוואַרטאַל, וווּ אויף יעדן טריט זיינען פאַראַן קאַפעס, מען זיצט און מען פּיפּקעט מיט אַן אָלימפּישער ברייטקייט און געלאַסנקייט, און פרי־פאַרעלטערטע, בורדיקע יפֿי־פֿיות פירן זיך אַרום מיט פולקעס שמוציקע, אָבער לוסטיקע קינדערלעך. דאָ האָט איר אויך אַ קוואַרטאַל פון פּאָרטוגעזן, אַ קוואַרטאַל, וואָס ווערט ממש פאַרטרונקען אין שמוץ און אין אָרימקייט, וווּ מענטשן וווינען פּשוט אין שטאַלן.

אָבער מער פון אַלץ איז וויליאַמסבורג יידיש. די שילדן זיינען ענגליש און יידיש. די רעקלאַמע פון די קינאָס איז אין יידיש. פּאָליציסטן זיינען דאָרטן יידישע, און שולן און בתּי־מדרשים זיינען דאָרטן פאַראַן אויף יעדן טריט. כּמעט אויף יעדער דריטער הויז זעט מען קידוש־לבנה־פּלאַקאַטן:

„ברידער־ייִדן, קומט היינט צום סיום־התורה!” „גיט אייערע קינדער אַ ייִדישע דערציִונג און פֿאַרשרייבט זיי אין אונזער תּלמוד־תּורה!” „דעם שבת דאַווענט אין אונזער מנין די באַרימטע חזנטע פֿון וואַרשע”, און אויף איין בית־מדרש־טירל האָב איך געזען אַזאַ אויפֿשריפֿט:

„נאָך גרויס האָרעוואַניע און קאָסטן האָט זיך אונז איינגעגעבן איינצולאַדן צו אונז דעם גרויסן פֿ י ל י ז אָ ף (דער און דער), וועלכער וועט דאַווענען פֿאַרן עמוד היינטיקן שבת!”

# דער כישוף פון בראָדוויי

אין די לערנביכער פון געאָגראַפיע וואָלט נוטיק געווען צו מאַכן אַ שטיקל רעפאָרמע: צו די פינף וועלט־חלקים, וועגן וועלכע עס ווערט דאָרטן גערעדט, דאַרף מען נאָך צולייגן אַ זעקסטן — ניו־יאָרק. און די הויפּט־מלוכה פון אָט דעם זעקסטן וועלט־חלק, אָדער — שוין אפשר גאָר אַ באַזונדערע וועלט אין דעם נייעם וועלט־טייל — איז בראָדוויי.

בראָדוויי שניידט דורך אין דער לייגג דעם גאַנצן אינזל מאַנהעטן, אויף וועלכן עס געפינט זיך די ניו־יאָרק פון געשעפטן און פון פאַרווײַלונג. זי ציט זיך אויף אַ מהלך פון צענדליקער ווייאָרסטן, און אויף אירע ברוקן און אין אירע הײַזער שפּילט זיך אָפּ דער גאַנצער פילפאַרביקער, מאַנימדיק־פאַרצווייגטער, אויסטערלישער לעבן פון דער לעגענדאַרישער שטאָט.

אויף דעם דרומדיקן ברעג פון מאַנהעטן, דאָרטן, ווו דער האָדסאָן שלאָגט זײַנע כוואַליעס אָן דעם הילצערנעם באָלווערק פון בעטערי־פּלאַץ, הייבט די בראָדוויי אָן איר זיגרייכן גאַנג דורך דער שטאָט. פון ים קוקט אויף איר מיט פאַרליבטע אויגן די פרייהייט־סטאַטוע און באַגלייט אירע ערשטע טריט. אירע קנעכלעך זײַנען נאָך געפּענטעט דורך די קייטן פון דעם הויכבאַן, אָבער באַלד גייט דער באַן אַוועק אין אַן אַנדער זײַט, און ער באַפרייט איר פאַר אַלע נסים און גבורות, וואָס שטייען איר פאָר אויף איר לאַנגן וועג.

די הײַזער אין אָנהייב בראָדוויי זײַנען באַזעצט דורך די מאַגנאַטן פון דער קאָמערציעלער און פינאַנסיעלער וועלט. די הײַזער זײַנען אַלע פינסטערע, הויכע. אין אָנהייב בראָד־

ווײַ, אויף אַ מהלך פֿון עטלעכע קוואַרטאַלן, זעט מען גאָר קיין הימל ניט, די גאַס איז, ווי אַ שמאָלער, פֿינסטערער טאָל, צווישן די וואָלקנקראַצערס. און עס הייסט טאַקע אַזוי: „דער טאָל פֿון בראָדוויי".

אַז מען קערט זיך אָפּ רעכטס פֿון בראָדוויי, גייט מען אַרײַן אין דער באַרימטער וואָל־סטריט. דער גאַס, וואָס הערשט איבער דער וועלט. דאָס איז ניט קיין לאַנגע און זייער אַ שמאָלע, אַלטפֿרענקישע געסל. פֿון ביידע זײַטן הייבן זיך מאַוומדיק־הויכע און אַלטע בנינים, די „קאַטעדראַלעס פֿון קאַפּיטאַליזם", און עפּעס אַ מיסטישער שרעק כאַפּט אַרום, בעת מען גייט אַהין אַרײַן: מען געפֿינט זיך אין אַ לעבעדיקן קבֿר. אין דער גאַס ווערן טאַקע געגראָבן קבֿרים פֿאַר אויסזיכטן און אַמביציעס, און אויך פֿאַר לעבנס פֿון אַסך צענדליקער טויזנטער מענטשן. אויף דער געסל, צווישן די פֿאַרשיידענע פּריוואַטע בענק, וואָס קאָמאַנדעווען מיט דער וועלט, געפֿינט זיך די מלוכה־קאַסע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, די ניו־יאָרקער בערזע, און נאָך אַזעלכע הײַזער, וואָס פֿאַרשפּרייטן דורך די ראַדיאָ־דראָטן אויף זייערע דעכער איבער דער וועלט די בשׂורה פֿון לעבן און טויט, פֿון פֿאַנטאַסטישער רײַכקייט און פֿון אומגעהויערן עלנט און אָרעמקייט.

אַז מען גייט אַרויס פֿון אָט דער סודותדיקער לאַבאָראַטאָריע און מען קומט ווייטער אַרויס אויף בראָדוויי, טונקט מען זיך ווידער אָפּ אינעם געווירבל פֿון די סך אָפּיס־הײַזער, וואָס זײַנען איינע העכער פֿון דער אַנדערער, און וואָס ציִען זייערע ביינערדיקע, געשפּענסטיקע טורעמס צום הימל מיט מרידה, ווי וועלנדיק באַווײַזן, אַז די מענטשלעכע מוראַשקעס, וואָס קריכן דאָ אַרום, קאָנען אַלץ דערגרייכן מיט דער מאַכט פֿון די מיליאָנען, וואָס זײַנען אײַנגעשלאָסן בײַ זיי אין די סייפֿס.

זייער וווּנדערלעך און אויסטערליש איז דער בילד, וואָס מען זעט אין אָנהייב בראָדוויי, פּונקט אנטקעגן דער וואָל־סטריט. דאָ שטייט די אַלטע טריניטי־קירך, און ביי איר, צופוסנס פון די וואָלקנקראַצערס, געפינט זיך אַן אַלטער בית־עולם. אינמיטן דעם געשעפטלעכן גערויש צעשפּילט זיך יעדן טאָג דער זייגער אויפן טורעם פון דער קירך, און אַן אַלטפרענקישע געלאַבענע און זיסע מעלאָדיע טראָגט זיך פאַנאַנדער איבער דער פאַרהאַרטעוועטער ביזנעס־ממשלה, און מישט זיך אויס מיטן קלאַנג פון גאָלד און מיטן שאָרך פון פּאַפּיר.

און אויפן בית־עולם, וואָס פאַרנעמט אַ היפּשן פּלאַץ, שטייען אַלטע מצבות, שוין האַלב פאַרזונקענע אין דער ערד. און די אויפשריפטן אויף זיי דערציילן, אַז דאָ ליגט עמיץ, וואָס איז געשטאָרבן מיט 200 יאָר צוריק, און דע אָדער די איז געשטאָרבן מיט איבער 200 יאָר צוריקר עס איז זייער מעגלעך, אַז די אור־אייניקלעך און אור־אור־אייניקלעך פון אָטדי מתים האָוועגן דאָ דערביי אויפן גאַס, קערן איבער אַ וועלט אין די קאָנטאָרן, און זיי באַדויערן, וואָס אַזאַ גרויסער שטח אין אַזאַ טייערן געגנט מוז שטיין ליידיק און מען טאָר דאָ ניט בויען.

ווען מען גייט פאַרביי דעם ערשטן צענדליק קוואַרטאַלן פון בראָדוויי, הייבט זיך אָן דער האַנדל־טייל. דאָ זעט מען עלעגאַנטע געשעפטן, הויפטזעכלעך געשעפטן פון וועש און פון קליידער. די גאַס ווערט דאָ שוין ברייטער און ליכטיקער, און זי וואַרפט ניט אַרויף אַזאַ מרה־שחורה, ווי אין איר אָנהייב.

אַביסל ווייטער הייבט זיך שטאָלץ אַרויף צו די הימלען דער וועלטבאַרימטער וואָלוואָרט־בילדינג. פריער איז דער בנין מיט זיינע זעכציק שטאָק געווען דער העכסטער אין ניו־יאָרק, איצט אָבער האָבן אים שוין נייע בנינים

אריבערגעיאָגט. דער וואָלוואָרט־בילדינג ווערט פארעכנט פאַרן שענסטן וואָלקנקראַצער. און ער איז טאַקע אויסער־געוויינטלעך שיין אויף זיין אופן—באַזונדערש זיין טורעם, וועלכער איז לופטיק, דורכזיכטיק, ווי געפלאָכטן פון שפּיצן. און ביינאַכט, ווען ער איז בלענדנדיק באַלויכטן, דאַכט זיך, אַז מען האָט אַרויסגעשאָסן צום הימל צו אַ פאַנטאַסטישן פייערווערק.

ס'איז דאָ וואָס צו זען, בעת מען פאָרט אַרויף אויפן שפּיץ פון דעם וואָלקנקראַצער. ערשטנס, דאָס אַרויפהייבן זיך אַליין. מען פליט אַרויף בנשימה אחת אין אַ ליפט־עקספּרעס ביזן 54־טן שטאָק, און וואָס ווייטער מען הייבט זיך, אַלץ מער רוישט עס אין די אויערן און עס טומלט אין קאָפּ פון דער צוזאַמענגעדריקטער לופט. אויפן 54־טן שטאָק זעצט מען זיך אַריבער אין אַ קלענערן ליפט, וואָס הייבט אַרויף דעם באַזוכער ביז אויבן, ביז דער גאַלעריי פון טורם. ניט אַלע גייען אַרום אויף דער גאַלעריי, ווייל דאָ איז פּשוט אומגלעך אייננצושטיין פון דעם שטורעם־ווינט, וואָס בושעוועט אין די הויכן. ווען מען גייט צו צו דער פּאַרענטש און מען קוקט אַראָפּ אונטן, דער־פילט מען טאַקע, אַז מען איז נאָענט צו גאָט, ווייל אונ־טער זיך זעט מען שוין בכלל קיין מענטשן ניט. פון די אויטאָמאָבילן, די טראַמווייען און אפילו פון די גרויסע אָקעאַן־שיפן, וואָס מען זעט פונוויטן אין ים — נעמט ממש אָן אַ געלעכטער. און די גאַנצע פּאַנאָראַמע, וואָס מען זעט פון אויבן, מיט די וואָלקנקראַצערס, מיט די נאָענטע און ווייטע טייכן און בריקן, מיט די שיפן, מיט די וואָלקנס, איז אַזוי הערלעך, אַזוי אומגעוויינטלעך, אַז מען ווערט אינ־גאַנצן פאַרוואַנדלט אין אויגן און מען פאַרגעסט אָן אַלע איבעריקע חושים.

ווען מען לאָזט זיך אַראָפּ פון וואָלוואָרט־בילדינג און

מען גייט ווייטער איבער בראָדוויי, הייבט זיך אָן דער אַזוי-גערופענער „שאַפּינג“-געגנט, דער אָרט פון די גרויסע קויפהייזער. וואָנעמייקער, מייסי, ניקערבאַקער, גימבעלס און אַנדערע, יעדער געשעפט — דאָס איז אַ וואָלקנקראַצער, און אין יעדן שטאָק איז אַן אָפּטיילונג פון כל-טוב. פון איין שטאָק אין דעם אַנדערן פירן די עסקאַלאַטאָרס, די באַוועגלעכע טרעפּן, אומגעהויערע מחנות מענטשן, פאַרשטייט זיך, ס'רוב פרויען, וועלכע פאַלן אַרויף, ווי בינען אויף האָניק, אויף די בערג סחורות, און מען ריעט זיך אין דעם אָפּ גאַנצע טעג. די גרויסע קויפהייזער אויף בראָדוויי זיינען טיילמאָלס קברים פון לעבנס, אַ פרוי, וואָס קאָן זיך ניט דערלויבן צו קויפן אָטדי שפע, וואָס זי זעט דאָ, ווערט אַ גנבטע, אָדער זי פאַרוואַנדלט איר פאַמיליען-לעבן אין אַ טראַגעדיע, דער מאַן ווערט צוליב איר אַ גנב און פאַרשווינדער, און פאַרענדיקט זיינע טעג אין טורמע. אָבער ווען מען זעט די אומגעהויערע רייכקייט פון אָטדי געשעפטן, מוזן זיך די אויגן פאַנאַנדערלויפן, און עס איז קיין וווּנדער ניט, וואָס אַ פרוי מיט אַ שוואַכערן כאַראַקטער ווערט דערביי געשטרויכלט אויף וועלכן ניט איז אופן.

נאָכדעם, ווי עס פאַרענדיקט זיך דער אייגנטלעכער שאַפּינג-דיסטריקט, הייבט זיך אָן דער טאַימס-סקווער, דער קרייצפּונקט פון אסך גאַסן. דאָ זיינען פאַראַן אָן אַ צאָל קינעמאַטאָגראַפן און אסך עלעגאַנטע און גרויסע געשעפטן. אונטער דער ערד ווידער איז פאַראַן נאָך אַ טאַימס-סקווער, ווו עטלעכע שטאָק איינער איבערן אַנדערן לויפן די אונטערערדישע צוגן אין אַלע זייטן. דעם טאַימס-סקווער מוז מען זען באַנאַכט — דעמאָלט קאָן מען ערשט האָבן אַ פאָרשטעלונג וועגן אים. דער גאַנצער גרויסער פלאַץ איז אַ געדיכטער צענויפגעמיש פון אויטאָמאָבילן און מענטשן,

אויף יעדןווינקל־גאַס שטייען עטלעכע פּאָליציסטן און האָ־רעווען איבער די כּחות אויף צו רעגולירן דעם כּוואַליעדיקן שטראָם מענטשן און אויטאָמאָבילן. פון אַלע הייזער שעמע־רירן אַראָפּ גאַנצע ימים ליכט און פייער, אויף אַלע ווינק־לען שטייען ראַדיאָס און זיי ווערן פאַרהילכט דורכן שאָרך פון די הונדערטער טויזנטער פיס. דאָס איז נאָך אָבער ווייניק — קומען יעדע פּאָר מינוטן אַרויס פון די אינגע־ווייטן פון דער ערד נייע צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס ציען זיך אַהער פון אַלע עקן ניו־יאָרק. און כּדי אַריבערצוגיין די גאַס, מוז מען שטיין און וואַרטן זייער לאַנג. דער שטויב, וואָס דער המון הייבט אויף מיט די פיס איז אַזוי געדיכט, אַז אין די אָוונט־שעהן איז דער גאַנצער טאַימס־סקווער, און אַלץ, וואָס דאָ געפינט זיך, ווי פאַרהילט אין אַ ווייבערינדיקן שלייער. און ווען מען קומט אַהיים און מען וואַשט זיך אָפּ דעם פּנים און די הענט, איז דער וואַסער אין שיסל שוואַרץ.

אַ צוואַנציק קוואַרטאַלן בראָדוויי ביז צו דער 60־טער סטריט, איז דער טעאַטער־געגנט. דאָ, אויף די סטריטן, האָבן זיך איינפלאַצירט דער גרעסטער טייל טעאַטערס און בעסערע קינעמאַטאָגראַפן פון ניו־יאָרק. אין די טעג איז דאָס אַ געשעפט־געגנט, אָבער מען דאַרף דעם געגנט זען אין די אָוונטן, בעת עס צינדן זיך אָן די מיליאָנען פאַרגעניגן־פייערן, און עלעגאַנטע לימוזינס פאָרן צו די טעאַטערס אָן אויפהער, און פון זיי גייען אַרויס מענער און פרויען אין לעגענדאַריש־פּרעכטיקע גאַרדעראָבן! דע־מאָלט ווייס מען ערשט, וואָס בראָדוויי באַטייט, און אין וואָס עס באַשטייט דער כּישוף פון אָטער גאַס.

נאָכן טעאַטער־ראַיאָן קומט אַ רעזידענץ־געגנט, אַ באַוווינטער געגנט. דאָס איז דער אַזוי־גערופענער „געגנט פון די זיידענע זאָקן". דאָרטן וווינען די אויבערשטע פון

שטויסל, די וואָס גייען אין זוידנס. אין דעם ראַיאָן געפֿי־ נען זיך אויך די גרויסע האָטעלן, צווישן זיי אויך דער טרויעריק־באַרימטער „בעל־קלער־האָטעל", פֿון וועלכן מען האָט מיט יאָרן צוריק אַרויסגעטריבן גאָרקין, ווייל ער האָט דאָ געוווינט מיט פֿרוי אַנדרייעוו אָן חופּה וקידושין. דער דאָזיקער האָטעל האָט דאָס געטאָן צוליב צבֿויעקישער רע־ קלאַמע, און ער האָט זיך טאַקע ניט אָפּגענאַרט: „בעל־ קלער" ווערט נאָך אַלץ פֿאַרעכנט פֿאַר אַ כּשרן, הייליקן אָרט, און די צבֿויעקישע יענקים פֿון דער פּראָווינץ, בעת זיי קומען אין דעם „זינדיקן בבֿל", שטעלן זיי זיך אָפּ נאָר אין דעם האָטעל, ווייל זיי זיינען זיכער, אַז דאָ זיינען זיי ווייט פֿון די נסיונות פֿון דער וועלט.

אָבער דווקא דאָ, ביי דעם הייליקן האָטעל, ווי אויך בכלל אין דעם גאַנצן געגנט פֿון בראָדוויי ביזן סוף פֿון דעם „זיידן־זאָקן ראַיאָן", האָבן זיך איינפּלאַצירט די נסיונות פֿון דעם מאָדערנעם בבֿל. דאָ איז דער ראַיאָן פֿון דער פּראָסטיטוציע, און אין די אָזנטן פֿאָרן די גאַס־פֿרויען אַרום אין אויטאָמאָבילן אונטער די פֿייערן פֿון בראָדוויי. ניט ווייניק מענער און פֿרויען פֿון דער מיליאָנערסקער גאָלדענער יוגנט הוליען און שיכורן ווילד און תּאוהדיק אין די אומצייליקע קאַבאַרעס פֿון בראָדוויי, און נאָכדעם פֿאָרן זיי אַרום שיכורערהייט צווישן די מחנות מענטשן און זינ־ דיקן אין די אויטאָמאָבילן פֿאַר די פֿאַרביי־גייער אין די אויגן. דאָ, אויף בראָדוויי, איז אַפֿילו געשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעלער נאָמען פֿאַר אַזאַ מין פֿאָרערס — „איינהאַנט־פֿאָרער", — ווייל מיט דער אַנדער האַנט צערטלט ער זיין דאַמע.

דאָ האָט זיך אַלץ איינגעבירגערט, אין דעם וונדער־ לעכן בראָדוויי פֿון דער וונדערלעכער וועלט ניו־יאָרק.

ברויזנדיקער איכפעט און אויסגעלאַסענע פרייד, ווילדע שיכרות און איידעלע באַגייסטערונג — אַלץ שפּילט זיך אָפּ יעדע נאַכט אונטער די בישופדיקע פייערן פון בראָדוויי.

# אַרחמנות אויף די מיליאָנערן

אַז מען גייט איבער די געגנטן, ווו עס וווינען די מיליאָנערן, ווערט מען ממש פאַרחידושט, וויפיל הײַזער עס שטייען פאַרקלאַפּט און פאַרשלאָגן, אָן אַ באַלעבאָס. דאָס זײַנען וווּנדערבאַרע הײַזער, שלעסער פון 2—3 שטאָק יעדערער, אַנדערע פון זיי זײַנען מירמלשטיינערנע, און אין פראָנט פון יעדערן געפינט זיך אַ פּרעכטיקער גאָרטן, מיט אויסטערלישע פאָנטאַנען און גרויסאַרטיקע סטאַטועס. די הויכע פענסטערן פון אָט די פּאַלאַצן זײַנען געדיכט פאַרהאַנגען מיט שטאָרעס, און ווען מען פרעגט זיך נאָך, וואָס דאָס באַטײַט, באַקומט מען אַן ענטפער:

— דער באַלעבאָס וווינט אין פלאָרידע, און ער קומט אַהער נאָר אויף צוויי וואָכן אין יאָר.

אָדער:

— דער אייגנטימער פון דעם פּאַלאַץ פאָרט מיט זײַן פאַמיליע אַרום איבער דער וועלט, און אַהער קומען זיי איינמאָל אין פינף יאָר.

אָדער גאָר:

— די הויז שטייט שוין ליידיק יאָרנלאַנג, און מען ווייס ניט, ווו דער באַלעבאָס איז אַהינגעקומען.

און אַזוי שטייען זיי, אָט די פּרעכטיקע פּאַלאַצן, אַנטקעגן דעם וווּנדערבאַרן סענטראַל־פּאַרק, אָדער אין אַנדערע פּישופדיקע געגנטן פון ניו־יאָרק, אָפּגעזויגלט און פאַרחתמעט, און חלומען זייער חלום פון איינזאַמקייט און פאַרלאָזנקייט. אין אָט די הײַזער איז צוזאַמענגעקליבן טײַערע מעבל, די קונסטווערק, וואָס זײַנען דאָ צוזאַמענגע=

שלעפּט פון דער גאַנצער וועלט, קאָן מען גאָר ניט אָפּשאַצן; אָבער עס איז אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, קיינער זעט דאָס ניט און הערט דאָס ניט. אַפילו די באַלעבאַטים אַליין זעען דאָס אויך כמעט קיינמאָל ניט.

פאַרוואָס, אייגנטלעך, פאָרן זיי אַרום, אָטדי מיליאָנערן? פאַרוואָס זיצן זיי נישט איין אויף אַן אָרט, פאַרוואָס האַלטן זיי זייערע פּרעכטיקע פּאַלאַצן־מוזעאומס אָפּגעשלאָסן יאָרנלאַנג?

פאַרשטייט זיך, געלט. זיי האָבן אַזוי פיל געלט, אַז זיי ווייסן ניט וואָס צו טאָן דערמיט. זיי מוזן זוכן ערטער ווו צו פאַרשווענדן ריזיקע פאַרמעגנס, כּדי אַביסל פּטור צו ווערן פון דער אומגעהויערער גאָלדענער משא, וואָס קוועטשט אויף זייערע פּלייצעס.

אָבער ניט געלט אַליין איז די סיבה דערפון.

זיי, די מיליאָנערן, איז איבערדריסיק דער לעבן. זיי ווייסן ניט, ווו זיך אַהינצוטאָן. פאַר זיי זיינען ניט נאָר איינג די ניו־יאָרקער פּאַלאַצן זייערע. נאָר עס איז זיי איינג די וועלט, דער געפיל ווערט פּשוט פאַרוואַנדלט אין אַ פּיזישן ווייטיק — עס איז נישטאָ, ווו אויסצוציען די פיס, ווו אויסצושטרעקן די הענט. און דעריבער ציטערן זיי מער פון אַלץ, אומת־מות, פאָרן וווינען אין ניו־יאָרק, אין זייערע פּאַלאַצן.

און עס איז פאַראַן נאָך אַ סיבה, וואָס זיי פאָרן אַרום, און דאָס איז די פאַרשפּרייטסטע סיבה.

זיי זיינען אַלע קראַנק, די מיליאָנערן. פאַרשטייט זיך, דער עלטערער דור, די וואָס זיינען ניט געבאָרן קיין מיליאָנערן, און האָבן אַליין געהאָרעוועט אויף אָנצולעבן פאַרמעגנס. אין דער ווילדער העציאַגד האָבן זיי אָנגעוואָרן זייערע מאָגנס, זייערע הערצער, האָבן אָנגעלעבט כּלערליי מחלות און שלעק. און איצט לויפן זיי אַרום איבער דער

וועלט זיך זוכן געזונט, מען צאָלט אָפּ קורחס אוצרות די אייראָפּעישע פּראָפעסאָרן, און מען קומט אַהיים מיט אַ גאָלדענעם מאָגן, צי מיט אַ זילבערנעם גאָרגל, צי מיט אַנדערע איבֿרים פון מעטאַלן און פון מינעראַלן. דאָ זיצט מען אַ פּאָר וואָכן, אַ חודש, מען רוט זיך אויס נאָך דער שווערער אָפּעראַציע, און מען פליט ווייטער אַוועק.

אַנדערע מיליאָנערן קומען בכלל קיינמאָל ניט קאַריק אַהיים — זיי עסט אויף דער ספּלין, די נודנעקייט, וואָס קומט פון איבערזעטיקונג. זיי בלאָנדזשען אַרום איבער דער וועלט. זיי קריכן אויס אין אַלע געפערלעכע ערטער, און אָפטמאָל קומט דאָרטן זייער סוף אָדער דורך ווילדע מענטשן, אָדער דורך ווילדע חיות. אַנדערע ווידער שווימען אַוועק אויף יאַכטעס אין ווייטע פרעמדע ימים און פאַרשווינדן פון האָריזאָנט — און די פּאַלאַצן זייערע אויף דער פינפטער עוועניו און אויף פּאַרק־עוועניו בלייבן שטיין אָפּגעלאָזן, אָפּגעשלאָסן, אין האַלבן שאָטן פאַרוויקלט, און די משרתים, וואָס זייער עובֿדא איז אויפצופּאַסן אויף די פּאַלאַצן, לעבן זיך אָפּ זייער גאַנצן לעבן אָן באַלעבאַטים, און זיינען געטריי זייער אָנדיינק, אַזוי ווי געטרייע כּלבים.

אַ ביטערער רחמנות נעבעך אויף די מיליאָנערן: זיי ווייסן דען אויך פון אַ לעבן? כ׳לעבן, אין ניו־יאָרק ווייס מען גאָרניט, אויף וועמען פריער רחמנות צו האָבן: צי אָט אויף די פּאַרשוינען, וואָס פרעגלען זיך אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט, וואָס ווערן משוגע פון צופיל גוטס, צי אויף די אַרבעטלאָזע, הײמלאָזע און ברויטלאָזע מחנות, וואָס גייען אויך פון זינען אַראָפּ פון הונגער און דחקות וואָס קלייבן אין די מיסטהויפנס אויף שטיקלעך פאַרוואַלגערטע סקאָרינקעס, אָדער באַנאַנען־שאָלעכץ, כּדי דורכצוקומען דערמיט גאַנצענע טעג?

ניט אַלע מיליאָנערן, פאַרשטייט זיך, פאָרן אָבער

אַרום. אַ סך בלייבן אויך אין ניו־יאָרק, און מען קאָן ניט זאָגן, אַז זיי זאָל זיך באַזונדערש שלעכט לעבן. זיי לעבן, נאַטירלעך, ניט אַזוי, ווי די דורכשניטלעכע מאַסע לעבט — אַלץ פון איין שניט, אַלץ לויט איין מאָס. זיי — די אַזוי־גערופענע „פירהונדערט" — קאָנען זיך דערלויבן צו לעבן אַנדערש, און זיי פירן טאַקע גאָר אַן אַנדער מין לעבן. זיי לעבן אין אומגעהויערן לוקסוס און אויסטערלישער אויס־געלאַסנקייט. קיין פּראָהיביציאָן אָנערקענען זיי ניט, קיין אַנ־דערע געזעצן אָנערקענען זיי אויך ניט. אַז מען האָט געלט, דאַרף מען קיין זאַך ניט אָנערקענען.

די אַכטונג צום דאָלאַר איז, פאַרשטייט זיך, געוואַל־טיק גרויס. למשל, ווען אַ פּאָליסמען שטעלט אָפּ די באַ־וועגונג פון אויטאָמאָבילן אין איין ריכטונג, און צווישן די סך אַנדערע קבצנישע מאַשינעס באַמערקט ער אַ לוקסוריי־עזן אויטאָמאָביל פון אַ מיליאָנער, גיט ער אים אַ צייכן, אַז ער זאָל דורכפאָרן. ווי קאָן מען עס לאָזן אַ מיליאָנער וואַרטן?

און בעת מען רעדט שוין וועגן אויטאָמאָבילן: אין די מיליאָנערסקע געגנטן זעט מען אַזעלכע אויטאָמאָבילן, אַז די אויגן לויפן זיך פשוט פאַנאַנדער. גראַנדיאָזע, פּרעכ־טיקע, בליציקע, מיט נאָך בליציקערע נעגערס ביים שטייער. און בעת זיי גליטשן זיך אין אומופהערלעכן שטראָם אי־בער די אַספאַלטענע גאַסן, און אינעווייניק זעט מען עלע־גאַנטע מענער און אויסגעפוצטע, אויסגעפּאַשעטע, ראַסיקע פרויען, נעמט ניט ווילנדיק דורך אַ רעספּעקט צום כח פון דאָלאַר. אָבער אָפטמאָל, ווען מען זעט, ווי פון אַ מילי־אָנערסקן פּאַלאַץ גייט אַרויס אַ דאַמע, אָנגעטאָן אין זילבערנע שיכעלעך און אין טייערע, אָבער זייער געשמאַקלאָזע קליי־דער — מ'זעט, למשל, זייער אָפט מיליאָנערטעס. וואָס

פֿאַרגינען זיך צו טראָגן טײַערע רויטע פֿאַן־קלײדער, וואָס זײַנען אויסגענייט מיט גרויסע, געלע זײַדענע בלומען, אָדער זײַדענע קלײדער מיט קרוינען פֿון אמתן גאָלד אויפֿן ברוסט — כאַפּט אָן אַ שרעק, און מען טראַכט זיך דעמאָלט:

— אַ רחמנות, נעבעך, אויף די מיליאָנערן...

# זיין מאַיעסטעט, דער המון

פון אַלע ווענט אין די אונטערבאַנען, אין די הויכ־באַנען, אין די טראַמוואַיען, אויף די דאַמפּערס אין די קראָמען און קאַפעס, אומעטום, וווּ עס איז נאָר בכלל פאַראַן אַ וואַנט, — שרייען אַראָפּ פילפאַרביקע פּלאַקאַטן, באַצאַצקעט מיט כּל־ערליי געשטאַלטן און דריידלעך, באַשריבן מיט פאַרשיידענע טעקסטן, און אַלע פאַרענדיקן זיך מיטן גלייכן פּסוק:

— צען מיליאָן מענטשן געפּרוּווט אונזער מיטל, טו נאָך זייער ביישפּיל און זיי דער צענ־מיליאָן און ערשטער!

אָדער:

— פאַרוואָס זאָלסטו זיך אָפּזונדערן פון די אַלע מיליאָנען, וואָס נוצן דעם מיטל?

אָדער:

— מיליאָנען מענטשן האָבן זיך שוין איבערצייגט אין דער צוועקמעסיקייט פון דעם און דעם, איבערצייג זיך אויך!

און אַזוי ווייטער. און אַזוי ווייטער. אָן אַ סוף.

מען ווענדט זיך נאָר צו מיליאָנען, מען רעדט נאָר צו מיליאָנען. אַלץ, וואָס ווערט פּראָדוצירט, ווערט געמאַכט פאַר מיליאָנען, פאַר גרויסע, אומגעהויערע מאַסן. פאַר זיין מאַיעסטעט, דעם המון.

אָבער בעת מען זעט אָט די „מיליאָניקע" פּלאַקאַטן און אויפרופן, דאַרף מען ניט מיינען, אַז דאָס האָבן זיי געשאַפן די מאַסן, אַז זיי ווענדן זיך צו עפּעס אַן אַבסטראַקטן

באַגריף, וואָס זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן „מאַסע", אַז די מאַסע עקסיסטירט נאָר אין זייערע, זיך נאָך ביזנעס־יאָגנ־דיקע פֿאַנטאַזיעס.

ניין, אין קיין אָרט אין דער וועלט, דאַכט זיך, איז ניט אַזוי פֿאַרווירקלעכט געוואָרן דער באַגריף „מאַסע", איז ניט אַזוי אַנטוויקלט דער מאַסן־לעבן, ווי אין אַמעריקע.

בעת מען וואַנדערט זיך אין ניו־יאָרק צו דער מאַסע, צו די סך מיליאָנען, מיינט מען דערמיט יעדן איינעם, און ווען מען רעדט צו איינעם, זעט מען פֿאַר זיך דעם גאַנצן גרויסן המון.

קיין פּערזאָן עקסיסטירט ניט, דער יחיד איז נאָר אַ שרייפֿעלע, און אַ קליינינקע, ניט־טיקע שרייפֿעלע, אין דער אומגעהויערער מאַשין פֿונעם כּלל.

ס'איז פֿאַראַן אַן אַמעריקאַניש־ווערטל: „טו דו לאַיק דזשאָונס", ד. ה. „טאָן אַזוי ווי דזשאָונס טוען" (דזשאָונס — איינע פֿון די פֿאַרשפּרייטסטע פֿאַמיליעס אין אַמעריקע. דער זאַמלנאָמען פֿונעם דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער). און די אַלע סך מיליאָנען אַמעריקאַנער דזשאָונס טוען טאַקע איינער אַזוי ווי דער אַנדערער, מען גייט גלייך אָנגעטאָן, מען עסט פּונקט די זעלביקע קאָנסערווירטע שפּייז, בעת מען הוסט, נעמט מען אַלע דעמזעלביקן פּאַטענטירטן מיטל, אַלע רויכערן דעמזעלביקן סיגאַר, אַלע עסן די גלייכע אייז־קרעם און מען טרינקט די גלייכע סאָדע־וואַסער פֿון דער זעלביקער פֿירמע אין די סך טויזנטער אַפּטייקן, וואָס זעען אַלע אויס, פּונקט ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. מען גייט אין די זעלביקע קינאָס. און מען זעט די זעלביקע בילדער, אַלע שלאָפֿן אין די גלייכע בעטן. און אַזוי אַלץ.

ניטאָ קיין אינדיווידועלע נואַנסן, ניט אין געשעפֿט, ניט אין קונסט, ניט אין רעליגיע, ניט אין פֿאַרווײלונגען. ניו־יאָרק איז דער אָרט. ווו עס איז אויף אַן אירדע־

אלן אופן דורכגעפירט געווארן די קאלעקטיוויזירונג פון דער געזעלשאפט. קאלעקטיוויזירונג, אויסגלייך, מעכאניזאציע. אלע זיינען ניוועלירט געווארן, דערפירט געווארן ביז צו איין מדרגה, קיין איינער פון די סך מיליאנען טיילט זיך ניט אוים אפילו אויף א פערטל צאל פון די איבעריקע. אלע זיינע איין הויך, איין ברייט, אלע האבן איין קאפ, אלע טראגן איין היטל, ס'איז ניטא דער דראנג זיך אויסצוטיילן. ווייל, וואס וועט זיין, ווען מען וועט זיך שוין אויסטיילן? מען וועט אלץ עסן די אייגענע קאנסערוון, מען וועט אלץ פארן אין אונטערבאן און דרעמלען שטייענדיק, מען וועט אלץ גיין אין „פערעמאונט"-טעאטער זען קלאנג-פילמען מיט די בלאנדע מארציפאניקע יפי-פיות און הערן, ווי דער ארגל שפילט דארטן מיט צען טויזנט פערדן-קראפט אינטימע ליבע-לידלעך.

און איין הינזיכט האט דער דורכשניט-אמעריקאנער אפילו יא א גרויסן דראנג זיך אויסצוטיילן פון די אנדערע: אין הינזיכט געלט. יעדער איינער וויל האבן מער געלט, ווי דער אנדערער, און זייער אפט דערגרייכט מען דאס טאקע. אבער קיין אינדיווידועלן, פערזענלעכן טעם גיט דאס נאך אלץ ניט צו דעם לעבן. ווייל כדי אריינצוטראגן א פערזענלעכע נאטקע אינם לעבן, מוז מען אין אמעריקע זיין א מיליאנער. א מיליאנער קאן זיך שוין בויען א הויז, וואס איז אביסל אנדערש, ווי די אנדערע הייזער, ער קאן זיך אויסמעבלירן זיין שטוב אנדערש, ער קאן זיך קויפן אן אויטאמאביל, וואס זאל אנדערש זיין, ווי די הונדערטער טויזנטער אויטאמאבילן, וואס קאטשען זיך טאג און נאכט איבער די גאסן, און וואס זעען אוים אלע גלייך, אזוי ווי טראפנס וואסער. אבער ניט אלע קאנען דאך זיין מיליאנערן, און די יעניקע, וואס האבן אפילו מער געלט, ווי דער דורכשניט האט דאס, לעבן אויך פונקט אזוי ווי דער דורכשניט.

און דעם מאַשינאַוון פּנים, דעם מאַסן־פּנים, האָט דער לעבן אין ניו־יאָרק ניט נאָר אויפן געביט פון האַנדל, פון אַרבעט, פון קויפן און פאַרקויפן. אויך דער פּריוואַטער, דער שטובּיקער לעבן פונם ניו־יאָרקער איז אַזאַ הורטאָוונער, אַזאַ גראָער מאַסאָיוער. מען לעבט איינער אַזוי ווי דער אַנדערער, קיינער טראָגט ניט אַריין אין זיין לעבן קיין פּערזענלעכן שטריך, וואָס זאָל אים אויסטיילן פון די אַנדערע, וואָס זאָל אים אויף אַ ווײַלע, לכל־הפּחות, לאָזן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם גרויסן, אַלץ פאַרהילגדיקן מלבוש.

עס איז כּדאַי זיך דורכצושפּאַצירן בּרוקלין, דידאָ־זיקע „בּעט פון ניו־יאָרק" (די ניו־יאָרקער בּיזנעסלייט האָבן דאָ צום גרעסטן טייל זייערע וווינהייזער. אַ גאַנצן טאָג זיינען זיי אין זייערע געשעפטן, אין מאַנהעטן, און אינאָוונט קומען זיי אַראָפּ אַהיים). בּרוקלין איז אַ ריזיק־גרויסע שטאָט, און יעדע איינע פון אירע אָפּטיילונגען, ווי בּאָראָ־פּאַרק, פלעטבּוש, וויליאַמסבּורג, בּראָנזוויל, האָבן צו 100—150 טויזנט איינוווינער, און די אַלע הייזער, וואָס ציען זיך אויפן גאַנצן אומגעהויערן שטח פון בּרוקלין, זיינען פּונקט ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. אַלע זיינען זיי דיזעל־בּיקע גרויס, אַלע זיינען גלייך אויסגעפאַרבּט מיטן זעלבּיקן קאָליר, אַלע האָבּ: דעם גאַניק אויפן זעלבּיקן אָרט, יעדע הייזל האָט זיך אין פראָנט דיזעלבּיקע עטלעכע בּוימע־לעך, און יעדע האָט זיך אויפן הינטערהויפל דעם גלייכן גערטעלע. אַזוי, אַז בעת מען גערדיינקט ניט גענוי דעם נומער פון דער הויז, ווו מען וווינט, קאָן מען זיך שעהנלאַנג אַרומדרייען אויף דער אייגענער גאַס, און די הונדערטער גלייכע הייזער שפּרינגען אין די אויגן, און מען קאָן בּשום אופן נישט דערקענען, ווו מען וווינט.

אינעווייניק זיינען ווידער דידאָזיקע הייזלעך איינמעבּ־לירט אויך לויט איין שניט. פּונקט דיזעלבּיקע בּעטן

שטייען אין די שלאָפצימערן, אין דעם עסצימער שטייען דיזעלביקע בופעטן און טישן. אין די זאַלן שטייען די זעלביקע דיוואַנען, און אַלץ איז פונקט דאָסזעלביקע, ווי אין איין אָרט, אַזוי אין אַנדערן. אפילו די קינדער שפילן זיך אַלע מיט גלייכע צאַצקעס: מיידלעך מיט ליאַלקעס פון דערזעלביקער פאַבריק, און יינגלעך — מיט קליינע אויטאָמאָבילן פון איין־און־דערזעלביקער מאַרקע.

אויף יעדן ווינקל גאַס שטייט ווידער אַן אַפּאַרטאַמענט־הויז — דאָס איז אַ גרויסע הויז, ווו עס וווינען שכנים. זיי זיינען אַלע פון דרויסן פונקט אויף אַ האָר אויסגעלייגט מיט רויטע ציגל, אַלע האָבן זיי צו זיבן שטאָק, אין יעדער איינער זיינען פאַראַן אַרום 70 דירות, צו צען אין יעדן שטאָק. דער אַריינגאַנג אין יעדער פון אַטדי הייזער איז פונקט דערזעלביקער, אומעטום שטייט ביים טיר דיזעלביקע מאַגנאָליע, און איין־און־דערזעלביקער ליפטבאָי (אַ נעגער) הייבט אייך אַרויף, דאַכט זיך, אפילו אומעטום אין דעמזעלביקן ליפט.

און די מענטשן זיינען אין די אַלע הייזער דיזעלביקע. די מענער אַרבעטן אַלע אין ביזנעס און זיינען ברידער פון דער מאַסאָנען־לאָזשע, די פרויען זיינען אַלע שלאַנק, גייען פונקט מיט דיזעלביקע בובי־קעפּ, מיט די זעלביקע זיידענע קליידער מיט אַראָפּהייענגעדיקע שפּיצן און מיט דיזעלביקע רינגען אויף די פינגערן. זייערע ניט צו־שיינע און ניט־צו־מיאוסע פּנימער זיינען שטאַרק באַפאַרבט און באַפּודערט מיט דערזעלביקער קאָסמעטיק, און יעדע האָט ביי זיך אין שטוב אַ נעגערין פון וועסט־אינדיען, אָדער ווי מען רופט זיי דאָ, אַ „חושך“, וואָס זעען דאַכט זיך אויס אַלע גלייך, און וואָס פּאַסן אויף די באַיעס, וואָס האָבן אויך אַלע איין פּנים.

צווייטאָל אין וואָך קומען זיך אַלע פרויען צוזאַמען

און מען שפּילט אין בּרידזש. דערבּיי הערט מען אין ראַדיאָ די בּאַליבּטע דזשעז-לידער און מען זינגט זיי מיט. גאַנץ ניו-יאָרק זינגט דיזעלבּיקע לידער. איינמאָל אַ וואָך גייט מען מיטן מאַן אויס אין מוווי, און צוריק פאָרט מען מידע, אויסגעשעפּטע אין סאָבּווי, צוזאַמענגעדריקט און צוזאַמענגעקוועטשט צווישן נאָך אַזעלכע טווינטער פאָר-לעך, וואָס זיינען אויך אויסגעגאַנגען צו האָבּן אַ „גודטאַים" (פאַרוויילונג), און מען כאַפּט אַ דרימל שטייענדיק.

ווען מיר איז אויסגעקומען צו שטיין אין צייל אָפּצופוצן מיינע שיך, האָבּ איך זיך צוגעקוקט, ווי דער שיכפּוצער אַרבּעט. ער הייבּט ניט אויף זיינע אויגן אויפן קונד, ניט בּעת דער אַרבּעט, ניט פאַרדעם, ניט נאָכדעם. ער איז אַליין אַ מאַשין, און ער האָט פאַר זיך אויך אַ שרייפעלע פון דער מיליאָניקער מאַשין. קיין מענטשן זעט ער גאָר ניט פאַר זיך, זעט נאָר שיך, וואָס ער דאַרף פוצן. אַ גאַנצן טאָג נאָר שיך און שיך: איין פאָר אַראָפּ פון בּיינקל, איין פאָר אַרויף. און אַזוי אָן אַ סוף, אַ גאַנצן טאָג, זיין גאַנצן לעבּן.

ווען דער אַרבּעטער, אָדער דער אָנגעשטעלטער קומט שוין אין דירעקטער פאַרבּינדונג מיטן קויפער, איז ער אויך אַ מאַשין. עס איז ניטאָ קיין פערזענלעכע פאַרבּינדונג, עס איז פאַרלאָרן געגאַנגען יעדע מענטשלעכער בּאַציונג צווישן פאַרבּרויכער און פּראָדוצירער.

עס איז כּדאַי צוצוקוקן זיך צו אַ פאַרקויפערין אין אַ ניו-יאָרקער געשעפט, אָדער אַ קאַסירער אין אויטאָמאַט, אָדער די אַנדערע פּראָפעסיעס פון דעם מין. זיי זיינען אַלע מאַשינעס, זיינען זייער פריינטלעך און ליבּ, שמייכלען אין דעם געהעריקן מאָמענט, אָבּער זייער פריינטלעכקייט און זייער שמייכל זיינען קאַלטע, מאַשינאָווע, איינגעשטעלט

פאַר מיליאָנען. דער איינצעלנער עקסיסטירט גאָר פאַר זיי לחלוטין ניט. הינטער זיין רוקן זעען זיי שטענדיק מיליאָ־נען. און וואָס פאַר א ווערדע האָט אַ קליינער שמייכעלע, וואָס מוז צוטיילט ווערן צווישן א סך מיליאָנען מענטשן? אויף יעדערנס חלק פאַלט אוים געלעכטער און פרייד די גרויס ווי אַ קערנדל פון אַ זעמדעלע, און אפשר נאָך ווי־ניקער...

יאָ, ניו־יאָרק איז איין מענטש אין מיליאָנען עקזעמפ־ליאַרן. די אַלע מיליאָנען זיינען גלייך אין זייערע ביזנעס, אין זייערע פאַרוויילונגען, אין זייער עסן, אין זייער אָנטאָן. אַלע מיליאָנען זינגען אַפילו דעמזעלביקן פאָפולערן לידל, וואָס בייט זיך רעגלמעסיק יעדע עטלעכע מאָנאַט, אַלע גע־ברויכן דעמזעלביקן פאָפולערן ווערטל, אָדער דיזעלביקע פאָפולערע פראַזע, ווייל צו וואָס דאַרף מען אַרויסווייזן איי־גענעם גייסט און זיך אויסטיילן, אַז מען קאָן גאַנץ פיין לעבן אויפן חשבון פון כלל, און זיין פונקט אַזוי ווי אַלע?

# שוואַרץ=ווײס

אין ניו=יאָרק זײַנען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע געגנטן, באַווינט דורך נעגערס. אָבער דער גרעסטער און באַקאַנטסטער צווישן זיי איז — האַרלעם, דער „שוואַרצער גאַרטל פֿון ניו=יאָרק". דאָס איז אַ פֿאַרשטאָט, וואָס שפּרייט זיך אויס אויף אַ גרויסן מהלך אויף צפֿון=זייט פֿון דעם אינזל מאַנהעטן און צו דרום צו פֿון דער ייִדישער מלוכה, בראָנקס. האַרלעם איז דער איינציקער פֿון די נעגערישע געגנטן אין ניו=יאָרק, וועלכער איז פֿון אָנהייב אָן געווען באַזעצט דורך נעגערס — אין די אַנדערע געגנטן, וווּ זיי וווינען איצט, האָבן פֿריער געוווינט ווײַסע, וועלכע זײַנען זיך צעלאָפֿן פֿאַר די אָנקומענדיקע נעגערס און האָבן אָפּגערוימט די גאַס, אָדער דעם גאַנצן קוואַרטאַל, פֿאַר די שוואַרצע. ווײַל אַזוי פֿירט זיך אין ניו=יאָרק: קיין ווײַסע וווינען ניט מיט קיין שוואַרצע, ניט נאָר אין איין הויז, נאָר אַפֿילו ניט אין איין גאַס, און עס דאַרף נאָר אַרײַנציִען אַ נעגער אין עפּעס אַ הויז—דעמאָלט צעלויפֿן זיך שוין אַלע ווײַסע פֿון דער גאַנצער גאַס אין משך פֿון דרײַ טעג. איצט איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז די הויז=אייגנטימער, וועלכע וואָלטן פֿאַר געלט טאָן אַלץ אין דער וועלט, פֿאַרדינגען מער בשום אופֿן נישט קיין נעגערס קיין דירה, און די נעגערס זײַנען אָנגעוויזן נאָר אויף זייערע קוואַרטאַלן, זיי קאָנען זיך מער ניט באַזעצן אין נײַע קוואַרטאַלן, ווי דאָס איז געווען אין די פֿריערדיקע יאָרן, אין זייערע געגנטן ווערט אַלץ ענגער און שמוציקער. מיט איין וואָרט — אין דער ציוויליזירטער, היפּערמאָדערנער אַמעריקע פֿון 20=טן יאָרהונ=

דערט עקסיסטירט פּאַקטיש אַ געטאָ פֿאַר נעגערס. פּונקט אַזוי ווי די מיטלעלטערלעכע יידישע געטאָס.

אָבער נאָך מערער, ווי אין אַ מאַטעריעלער געטאָ, לעבט דער נעגער אין אַ גייסטיקער געטאָ. די באַציונג צום שוואַרצן מצד דער ווייסער געזעלשאַפט איז אַ שענדלעכע. מען לאָזט דעם נעגער אויף יעדן טריט פֿילן, אַז ער איז ניט דאָס, וואָס די ווייסע זיינען, אַז ער איז ניט באַשאַפֿן געוואָרן בצלם אלקים. און ניט נאָר דעם ריינעם נעגער, נאָר אַפֿילו די געמישטע, די קינדער און אויך אייניקלעך פֿון נעגערס און ווייסע, שטויסט מען אויך אַרויס פֿון דער געזעלשאַפֿט. גרויסע גייסטיקע יסורים ליידט דערפֿון דער שוואַרצער, און אין אַסך ביכער פֿון מחברים־נעגערס זיינען אָט די ליידן בולט געשילדערט. דער ווייסער קאָן בשום אופֿן ניט מוחל זיין דעם דאָזיקן „שוואַרצן פֿלעק", און עס איז זייער פֿאַרשפּרייט די מיינונג, אַז אויך דעם נעגערס גייסט איז פּונקט אַזוי שוואַרץ און אומלויטער, ווי זיין הויט.

צו שטאַרק איז דאָ נאָך די השפּעה פֿון דער ניט־לאַנג־פֿאַרגאַנגענער שקלאַפֿן־עפּאָכע, און מען זעט נאָך אַלץ אין דעם נעגער דעם עבד־כנעני, די באַשעפֿעניש פֿון ני־דעריקערן מין.

זייער פֿאַרשפּרייט איז נאָך אַט דער קוק אויפֿן נעגער ביי דעם המון, ביי דעם מיטלשטאַנד. און וואָס עס איז באַזונדערש צו באַוואונדערן און צו באַדויערן — ביי דעם יידישן מיטעלן קלאַס. עס איז נשתומם צו ווערן, מיט וואָס פֿאַר אַ טאָן עס ווערט געזאָגט „חושך" אָדער „שוואַרציאָר" — די נעמען, מיט וועלכע מען האָט געקרוינט די נעגערס אין יידישע קרייזן. דערביי וואָלט זיך גאָרניט גלויבן, אַז די יידן, וואָס ריידן אַזוי, האָבן דאָך צום גרעסטן טייל אויף זייערע אייגענע פּלייצעס אויסגעטראָגן די נגישות פֿון דעם רוסישן צאַריזם און זייער אָפֿט האָבן זיי אויך געפֿילט דעם

טעם פון פּאָגראָמען. עס איז די פּסיכאָלאָגיע פון דעם גראָבן יונג, וואָס בעת ער פילט איבער זיך אַ שטאַרקערן קולאַק, צאַפּלט ער זיך אין שטויב, אָבער דערפאַר איז ער זיך נוקם, בעת ער כאַפּט אומיצן, וואָס שטייט נידעריקער פון אים.

— עס איז אַ נס — איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון יידן — וואָס דאָ זיינען פאַראַן נעגערס, און וואָס עס איז פאַראַן אַ נעגער=פּראָבלעם. גיסט אויף זיי אויס דער פּאָלק דעם כעס, וואָס אין אַן אַנדער צייט וואָלט ער דאָס אויסגעגאָסן אויף אונז.

שוין איינמאָל אַ טרייסט.

מיט אַ סאַדיסטישער הנאה רופן יידן אַן האַרלעם מיטן נאָמען „נעגערישער תחום=המושב”, און איך האָב געטראָפן אַ ייד, אַ הויז=אייגנטימער, וואָס האָט מיט אַ באַזונדערער גאווה דערציילט, ווי ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיט אַ יאָר צען צוריק אָפּגעראַטעוועט זיין קוואַרטאַל פון אַ „שוואַרצער פאַרפּלייצונג”, ווי צו אים איז געקומען אַ נעגער און געוואָלט דינגען אַ דירה, וואָס איז חדשים=לאַנג געשטאַנען ליידיק. ער איז אָבער געגאַנגען אויף קדוש=השם, זיך אָפּגעזאָגט פון דער מעגלעכקייט צו פאַרדינען מער, ווי ער וואָלט פאַרדינט פון אַ יידישן אָרימאַן, אָבער ער האָט געראַטעוועט די וועלט.

אין דער „סאַוט”, אין די דרומדיקע שטאַטן, איז נאָך ערגער. דאָרטן ווערן נעגערס פאַרפאָלגט אויף טריט און שריט. נישט נאָר גייסטיקע דערנידעריקונגען האָבן זיי אויסצושטיין, נאָר אויך רדיפות און באַגרענעצונגען פשוטו כמשמעו. אין די באַנען זיינען פאַראַן באַזונדערע וואַגאָנעס פאַר ווייסע און שוואַרצע, אין טראַמוואַי אָדער אין וועלכן ניט איז אַנדערן עפנטלעכן אָרט וועט אַ ווייסער זיך קיינמאָל ניט זעצן אין שכנות פון אַ שוואַרצן. נעגערס ווערן אויך

אָפּטמאָל צעריסן און פֿאַרברענט דורכן המון פֿאַר פֿאַר־בּרעכנס, וואָס ווייסע ווערן דערפֿאַר געריכטלעך באַשטראָפֿט, און נאָך עפּטער — פֿאַר שקר־בּלבולים. און באַזונדערש שענדלעך איז די סצענע, בעת דער אײַזנבאַן פֿאָרט אַריבּער דעם גרע־ניץ פֿון צפֿון קיין דרום, און דער קאָנדוקטאָר גייט איבער אַלע וואַגאָנעס און רופֿט אויס:

— נעגערס, גייט אין אײַער וואַגאָן!

און די נעגערס, וועלכע זײַנען פֿריער געזעסן צוזאַ־מען מיט די ווייסע, לויפֿן איצט אַוועק אין דעם ספּעציעלן וואַגאָן, וואָס ווערט באַלד בײַם גרעניץ צוגעטשעפּעט פֿאַר זיי. ווען עמיץ זאָל דאָס ניט טאָן, איז ער ניט זיכער מיטן לעבן.

אַ טרויעריקן אײַנדרוק מאַכט דער נעגערישער קוואַר־טאַל אין ניו־יאָרק. מען קאָן דאָרטן קיין ווייסן אין די אויגן ניט זען. אַלץ טונקעלע געשטאַלטן, דערשלאָגענע מענטשן. אַלץ איז דאָרטן שוואַרץ: אַפֿילו די פּאָליציסטן זײַנען דאָרטן נעגערס, אָבער נאָר דאָרטן. ווײַל ווער יועט זיך דרייסטן אַוועקצושטעלן אַ נעגערישן פּאָליציסט אויף צו קאָמאַנדע־ווען מיט ווייסע? אַלע געשעפֿטן זײַנען נעגערשע, און אַפֿילו די מאַנעקענס אין די פֿענסטערן און די פּנימער, וואָס זײַנען אויסגעמאָלן אויף די טירן פֿון די פֿאַבריקמאַכער־קראָמען, זײַ־נען אויך שוואַרצע.

מען זאָגט, אַז אין די אָוונטן איז דאָרטן פֿאַר אַ ווייסן געפֿערלעך צו גיין, ווײַל יעדן ווייסן, וואָס קומט דאָרטן אין אַ שפּעטער שעה, זײַנען די נעגערס חושד, אַז ער זוכט די נעגער־מיידלעך, וועלכע האָבן דווקא דערפֿאָלג בײַ די ווייסע. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, איז די פּראָסטיטוציע דאָרטן שטאַרק אַנטוויקלט, און די הויפּט־קונדן זײַנען טאַקע די ווייסע. און דעריבּער עקסיסטירן אין דעם קוואַר־טאַל זייער פֿיל נאַכט־קלובן, נעסטן פֿון אויסגעלאַסנקייט, וווּ

די מיליאָנערסקע זינד'לעך (די קלובן זיינען זייער טייערע, און קיין פּשוטער מענטש קאָן זיך ניט דערלויבן גיין אַהין) לאָזן זיך וווילגיין, און עס איז אַ שניידיקער דיסאָנאַנס, בעת מען זעט, ווי צווישן דער פינסטערקייט און דעם עלנט פון האַרלעם שטייען די גאַנצע נאַכט פאַר די אַריינפאָרן אין די לוקסוריעזע קלובן אויטאָס מיט אָפּגעקאָרמעטע שאָפערן ביים שטייער.

אָבער ניט געקוקט אויף דעם און אויף זייער גרויסער אָרימקייט, זיינען די נעגערס צום גרעסטן טייל לוסטיק, זאָרגלאָז, שטאַרק מוזיקאַליש, און צווישן זיי זיינען פאַראַן אסך פייקע מענטשן אויף פאַרשיידענע געביטן. עס איז אַ פאַרגעניגן צו הערן און צו זען די הויכע נעגערס, וואָס זיינען שלאַנק, אַזוי ווי טאָפּאָלן, שפּילנדיק און טאַנצנדיק, און ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו זען נעגערשע מיידלעך, אינטערעסאַנטע, שיינע מיט אַ באַזונדערער שאַרפער און רייצנדיקער ווילדער שיינקייט, זיצנדיק אין דער שטאָט־ביבליאָטעק, זיך ריענדיק אין בערג ביכער. דערביי זיינען זיי נאַיוו, ווי גרויסע קינדער, און פּרימיטיוו ווי די חיות פון אורוואַלד. אין אַמעריקע שאַצט מען ניט אָפּ זייער גרויסן אור־כח. דער אַמעריקאַנער האָט נאָך ניט פאַרגעסן דעם נעגערס שקלאַפן־צייט. אייראָפּע איז שוין אויף דעם וועג דעם נעגער בעסער צו פאַרשטיין און אים אָפּצושאַצן.

# אַן אָוונט בײַ די „הײליקע שפּרינגער"

ניט ווײט פֿון מײן קוואַרטיר איז געווען אַ קרעמל פֿון אַ שנײדער. דער באַלעבאָס איז אַ ייד, אָבער די צוויי אַרבעטער זײנען נעגערס. און יעדן מאָל, ווען איך בין פֿאַרבײגעגאַנגען די שנײדערײ און אַ קוק געטאָן אין פֿענסטער, האָב איך געזען, ווי דער גרויסער שוואַרצער נעגער שטײט בײ דער פּרעססמאַשין, שטשירעט פֿרײנטלעך בלענדנדיק־ווײסע צײן, שמײכלט זיך ברײט צו זײנע אײגענע געדאַנקען, פּירט אָן מיט אײן האַנט די באַוועגונג פֿון דער פּרעס־מאַשין, און אין דער אַנדערער האַלט ער עפּעס אַ ביכל און כאַפּט אַ קוק אויף די שורות און אַ קוק אויף דער מאַשין. און מיטיקצײט האָב איך שטענדיק געזען, ווי דער נעגער זיצט בײם גרויסן שנײדערטיש פֿאַזע פֿענסטער, עסט זײן פּוטערברויט, זופּט צו זײן קאַווע, און נעמט אַלץ ניט אַוועק די אויגן פֿון דעם ביכל, וועלכן ער האַלט די גאַנצע צײט פֿון עסן פֿאַר זיך.

אײנמאָל בין איך אַרײן אין דעם קרעמל, געגעבן אַרבעט, זיך באַקענט מיטן נעגער און זיך דערוווּסט, אַז דער ביכל, וואָס ער האַלט כסדר פֿאַר די אויגן, איז אַ ביבל.

— ס'איז גאָרניט אויסצוהאַלטן פֿון אים — האָט זיך געקלאָגט דער יידישער באַלעבאָס, — כסדר ער לײענט זײן טריף־פּסול. פּרעסט החתונים און חזרט זיך פּסוקים פֿון זײן שוואַרצן ת״נך, להבדיל. איך וואָלט שוין לאַנג געשלאָגן מיט אים כּפּרות, אַרבעט ער אָבער זײער ביליק, און אַחוץ דעם איז ער טאַקע אַ גוטער אַרבעטער אויך.

אין משך פֿון עטלעכע טעג זײגען מיר מיטן נעגער

געוואָרן גרויסע פריינט. איך פלעג אויסמאַרקירן, אַז ווען ער גייט פון דער אַרבעט, זאָלן מיר פאָרן צוזאַמען אין סאָבוויי, און אין אונזערע שמועסן האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ באמת=גלויביקן. און איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט:

— מיסטער, איך וויל דיר עפּעס ווייזן. איך פיל, אַז דו וועסט ניט אָפּלאַכן דערפון. איך געהער צו די „האָולי דזשאַמפּערס" — הייליקע שפּרינגער, און איך וויל דיך מיטנעמען צו אונזערן אַ גאָטעסדינסט. דאָרטן וועסטו זען, ווי ליידנדיקע מענטשן ריידן צו גאָט און דינען אים.

איך האָב מיט גרויס נייגעריקייט צוגעשטימט, און אין איינעם אַ קאַלטן, ליכטיק=אויסגעשטערנטן אָוונט, זיינען מיר אַוועק אַהין.

דער צוזאַמענקונפט=אָרט פון דער סעקטע געפינט זיך אין רעכטן האַרצן פון האַרלעם. פון דער הויפּטגאַס, דער ברייטער, העל=באַלויכטענער און אויסגעלאַסן=שווימיקער לענאָקס=עוועניו, האָבן מיר זיך אָפּגעקערט אין אַ שמאָלינקער, חושכדיקער, שלעכט=ריחדיקער געסעלע. די פינסטערקייט איז דאָרטן נאָך בולטער און שטאַרקער אויסגעטיילט געוואָרן דורך די שוואַרצע פּנימער פון די דורכגייער, וועלכע זיינען אַרויסגעשווומען אין ליכט פון די פאַרייניצלטע גאַסן=לאַמטערנעס, גלאַנציק, אַזוי ווי פּושקעלעך פרישן שוכוואַקס.

גייענדיק אַ היפּשע ווײַלע דורך אָטדער געסעלע, האָט מיין באַגלייטער מיך צוגעפירט צו אַ חושכדיקער, קליינינקער, האַלב=חרובער הייזעלע, וואָס איז געשטאַנען צוזאַמענגעקוועטשט צווישן צוויי גרויסע אַלטע מויערן. ער איז אַראָפּ אַ פּאָר שטופּעלעך פון גאַס, האָט געעפנט די נידעריקע טירל, און איז אַריין אינעווייניק. איך — נאָך אים.

מיר זיינען אַריין אין אַ לאַנגען, שמאָלן צימער מיט אַ נידעריקער סטעליע און מיט קרומע ווענט. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די ווענט פאַלן איין, און אויך די סטעליע, וועלכע איז געווען באַזונדערש צעהויקערט און אויסגעבויגן, לאָזט זיך אַראָפּ און באַגראָבט אונטער זיך די עטלעכע צענדליק מענטשן, וואָס זיינען דאָ געזעסן אויף סקריפּעדיקע שטולן. די גראָגעטינקטע, ברודיקע ווענט, פון וועלכע עס זיינען אָפּגעשפּרונגען שטיקער קאַלך, און וואָס האָבן אויסגעזען ווי קרעציק, זיינען באַהאַנגען געווען מיט הייליקע בילדער, מיט דער מאַמען מאַריאַ, מיטן קינד יעזוס. אָבער מערקווירדיק,—די אַלע געטער און אַפּאָסטאָלן, וואָס מיר זיינען פון אייביק אָן איינגעוווינט צו זען ווייס און שטראַלנדיק, זיינען דאָ אויף די בילדער געווען שוואַרץ. זיי זיינען געווען פאַרגעשטעלט ווי נעגערס און נעגערטעס, און זייערע פּנימער און לייבער האָבן געגלאַנצט פון שוואַרצקייט.

מיר האָבן זיך צוגעזעצט. און איך האָב זיך אָנגעהייבן צוקוקן צום אַרומיקן עולם. דאָ זיינען געווען מענער, פרויען און קינדער, אַלע נעגערס. אַלע זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אייראָפּעיש, אָבער מיט אַ ספּעציפישן שטריך, וואָס גיט צו יעדן נעגער אַ באַזונדערקייט, און וואָס וואָלט אים אויסגעטיילט פון די ווייסע, אפילו ווען ער וואָלט ניט געהאַט זיין שוואַרצן פּנים. די פרויען, צום גרעסטן טייל, זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין טייערע פּעלצן, אין זיידענע זאָקן און זיידענע קליידער, אָבער די פאַרבן און די פאַסאָנען זיינען געווען זייער געשמאַקלאָז, און פון די אַלע פּאַטשערקעס, וועלכע זיי האָבן געטראָגן— פון די צירונג מיט די פאַלשע בריליאַנטן, פון די שטאָפענע בלומען, פון די אויסגענייטע בראָקאַטענע שיכלעך — האָט ממש געגרויזלט. אויך די מענער האָבן געטראָגן

אויף זיך פאַרשיידענע צאַצקעס — קראַוואַטן־שפּילקעלעך, זשעטאָנען, גלאַנציקע קנעפּלעך, קוויטן אין די לאַצן. מיין באַגלייטער האָט מיר אָנגעוויזן אויף פאַרשיידענע מענטשן און געזאָגט, אַז דער איז אַ באַקאַנטער אַדוואָקאַט, יענער — אַ באַליבטער דאָקטאָר, די פרוי — אַ זשורנאַליסטקע.

— אָבער אַלץ צווישן די אייגענע, צווישן די פאַרביקע — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ ביטערן שמייכל, — די ווייסע לאָזן זיי ניט צו אַרבעטן ביי זיך.

די טיר האָט זיך כסדר געעפנט, עס זיינען אַלץ אָנגעקומען נייע, צווישן די אָנגעקומענע — טיילווייז רייכע און עלעגאַנט־געקליידעטע — זיינען אויך געווען טרעמפּס, אַרומטרייבער, אָפּגעלאָזענע, פאַרהונגערטע און אָפּגעריסענע מענטשן. אויך מערערע גאַסן־פרויען פון די אַרומיקע געסלעך, וואָס האָבן אָקאָרשט פאַרענדיקט זייער אַרבעט און אַריינגעקומען זיך אויסטענהן מיט גאָט.

ערגעץ אין אַ ווינקעל האָט אַ נעגערטע אָנגעהויבן זינגען אַ תּפילה. און אין אַ רגע אַרום זיינען שוין אַלע צוגעשטאַנען צו איר און עס האָט זיך אָנגעהויבן גיסן אַ מערקווירדיקער, אייגנטימלעכער, פרעמדער און פרעכטיקער געזאַנג. די מתפּללים זיינען אַלץ מער אַריין אין היץ, האָבן אָנגעהויבן פּליעשקען מיט די הענט, ברומען, זיך הייבן אויף די ערטער, באַוועגן צום טאַקט מיט די פּלייצעס און מיטן גאַנצן גוף. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער גאַנצער קליינער צימערל הוידיעט זיך אויף כוואַליעס פון געזאַנג און עקסטאַז.

איין תּפילה איז געקומען נאָך דער אַנדערער, איין געזאַנג נאָכן אַנדערן. די ניגונים זיינען געוואָרן אַלץ פרעכטיקער, די התלהבות — אַלץ ווילדער און ברענעדיקער. דער גאַנצער חלל איז אויסגעפילט געוואָרן מיט אַ ריטמישער פּליעשקערײַ און טופּען מיט די פיס, און

אײן פֿרוי, מיט אַ ווילדן, גיפֿטיק־שײנעם פּנים, האָט זיך אַ הײב געטאָן, זיך אַוועקגעשטעלט אין דורכגאַנג צווישן די שטולן, אָנגעהײבן זיך שאָקלען מיט איר הויכן, שלאַנקן לײַב, אַזוי ווי אַ זאַנג, אַזוי ווי אַ שלאַנג. נאָך איר זײַנען אױפֿגעשטאַנען אַנדערע, און אַלע האָבן גענומען שפּרינגען אויף די ערטער. דער געזאַנג האָט זיך פֿרײַבערגעגאָסן אין אַ געיאָמער, פֿון געיאָמער איז ער אַריבער צו וואַקכאַנאַלישער פֿרייד. נאָכדעם האָבן אַלע אָנגעהײבן אין טאַקט און ריטם צו קרעכצן, פֿון אַלע ווינקלעך האָבן זיך דערטראָגן הילכיקע קוויטשעם און היסטערישע, אָבער צוגלײַך מעלאָדישע געשרײען. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפֿן אַ וווּנדערלעכע, אומפֿאַרגעסלעכע סימפֿאָניע פֿון באַגײסטערונג, פֿון פּרימיטיווער אײַפֿריכטיקײט, פֿון עלעמענטאַרן כּח, און ווען איך האָב אַ ווײַלע צוגעמאַכט די אויגן, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז זיי זײַנען מער ניטאָ, די ווענט פֿון דעם אײנגען צימערל, אַז זיי האָבן זיך פֿאַנאַנדערגערוקט, און אַז איך געפֿין זיך אין אַ בראשיתדיקן, ווילד־פֿאַרפּלאָנטענעם וואַלד, אין וועלכן עס טראָגן זיך אור־קולות פֿון פּרימיטיוון מענטש און חיה, פֿון דעם זיגער און פֿון דעם קרבן — און אויף דעם אַלעמען קוקט אַראָפּ אַ גרויסע, פֿרעמדע לבנה, און וואַרפֿט אַ כּישוף־ליכט, און משוגנהדיק קומען אויס די אַלע שלאַנגישע לײַבער פֿון די התלהבותדיק־טאַנצנדיקע און זינגענדיקע מענטשן אין איר שײַן, שווידערלעך און הערלעך. און ערשט דעמאָלט קאָן מען פֿאַרשטײן דעם סוד פֿון דער פּרימיטיווער נעגערישער קונסט, וואָס האָט אַזוי באַצווונגען די וועלט, דעם סוד פֿון די נעגערישע „ספּיריטועלס", די גײַסטיקע לידער, וואָס די ציוויליזירטע מענטשהײט פֿאַלט פֿאַר דעם כּורעים. ווײַל ווו קומען מיר, מענטשן מיט וואַסערדיקע בלוטן און וועקסענע לײַבער, צו אָטדער

מאווּמדיקער, אוּמפֿאַרשטענדלעכער, בּראשיתדיקער קראַפֿט און שלאַנגישער גראַציע, וואָס עטעמט פֿון אַטדי לידער אַרויס?

און אין די הפסקות צווישן איין ליד און דעם אַנדערן, האָבּן מענער און פֿרויען געהאַלטן דרשות. די סעקטע האָט ניט קיין געשוואָרענע כּלי־קודש, — יעדער איינער פֿון די בּרידער און שוועסטערן, וועמען עס פֿאַלט עפּעס איין, זאָגט דאָס בּאַלד אַרויס. יעדער איינער זאָגט עפּעס וועגן דער גרויסקייט פֿון גאָט, וועגן זיין בּאַרימהאַרציקייט, וועגן דעם, ווי גוט מען דאַרף זיין איינער צום אַנדערן; מענטשן זיינען זיך מודה אין זייערע זינד. די צעבּושעוועטע פֿאַנטאַזיע פֿון שוואַרצן מענטשן אַרבּעט, און וואָס פֿאַר אַ ווילדע התלהבותדיקע רייד עס קומט אויס זיך אָנצוהערן בּעת אַ גאָטעסדינסט!

בּאַזונדערש מערקווירדיק איז דער ווידוי. דער מענטש פֿאַלט אויף דער ערד, בּאַגיסט זיך מיט טרערן, דערציילט וועגן זיינע זינד. אין דעם אָוונט, ווען איך בּין דאָרטן געווען, האָט זיך מודה געווען אין אירע זינד אַ גאַסן־פֿרוי, און אַלע האָבּן געיאָמערט אויפֿן קול, בּעת זי האָט געבּעטן גאָט, ער זאָל איר ראַטעווען פֿון דעם זומפּ, אין וועלכן זי איז אַריינגעפֿאַלן. אַלע האָבּן איר מיטגעפֿילט איר האַרצרייסנדיקן יאָמער, ווייל צום גרעסטן טייל זיינען אַלע איבּעריקע שוועסטערן אויך פֿון דעם סאָרט. און נאָך איר ווידוי האָט מען ווייטער געזונגען אַ האַרצרייסנדיקן ניגון, און נאָכדעם אַ טרייסטפֿולן ניגון „ווי גוט עס וועט אונז זיין, ווען מיר וועלן זיין אין גן־עדן, דאָרטן וועט ניט זיין קיין חילוק צווישן שוואַרץ און ווייס, צווישן זינדיק און ניט זינדיק‟, און עס האָבּן זיך ווייטער אָפּגעשפּילט די סצענעס אין ווילדן אַפֿריקאַנישן אורוואַלד, די

בּאַרווישנדיקע און גיפטיקע סצענעס פון התלהבות, פון וויי־טיק, פון טאַנץ. און אַזוי די גאַנצע צייט.

ערשט אום איינס אַזייגער בּיינאַכט האָבּן די מתפּללים, אינגאַנצן אויסגעווייקטע און אויסגעמאַטערטע, זיך אָנגעהייבּן פאַנאַנדערגיין. זיי האָבּן זיך אַרויסגעריסן פון די פאַרכּישופטע דזשונגליעס פון אַפריקע, האָבּן זיך צוריק אַריבּערגעטראָגן אין דעם ניכטערן, רוישיקן און טרוקן־אויסגעלאַסענעם ניו־יאָרק.

אויפן וועג אַהיים, איבּער דער לענאָקס־עוועניו, האָבּן מיר געזען אָן אַ צאָל נעגערינס גאַסן־פרויען, וועלכע האָבּן פאַרשייט געפינטלט צו די פאַרבּייגייער און זיי גע־רופן צו זיך, אין די שמוציקע, פאַרבּרעכערישע ווינקעלעך פון דעם „שוואַרצן גאַרטל”.

# די גאַס פון בײנקעניש

ווער עס איז געווען אויף דער סעקאָנד-עוועניו, דעם „פּערל פון ניו-יאָרקער איסט-סאַיד”, און האָט אָנגעזועטיקט זײַן אויג מיט אַלע פאַרבן און זײַנע אויערן מיט אַלע קלאַנגען פון אָטדער פּילגעשטאַלטיקער, פּילהילכיקער און פּילשטימיקער, ווײַט-ניט-צניעותדיקער, שפּעט-בײַנאַכטיקער גאַס — דער קאָן איר שוין גאָר מער ניט פאַרגעסן. די סעקאָנד-עוועניו — אויף ייִדיש: צווייטע עוועניו — איז כּולל אין זיך דעם גאַנצן אויפּבּרויזנדיקן, פּײַערווערקישן, מנחם-מענדעלישן, פּאַפּיר-שווערדיקן און בוטאַפאָריש-פאַרביקן אימפּעט און לעבעדיקייט פון דער ניו-יאָרקער איסט-סאַיד, פון דעם אַלטן ייִדישן קוואַרטאַל. אָבער אָנגעטאָן אין אַ מאָדערנעם צילינדער, וואָס שײַנט אין די נעכט אַראָפּ פון איר צעפּלויגנעם, צעהוליעטן און אַביסל פאַרדרייטן מח מיט אָן אַ צאָל עלעקטרישע לעמפּעלעך פון רעקלאַמע איבער די אַרײַנגאַנגען אין די פּילצאָליקע קינאָס, קאַפעס, רעסטאָראַנען און „טעמפּלען פון ייִדישער קונסט”.

אויף סעקאָנד-עוועניו איז אַלץ ייִדיש. אָבער מיט אַ באַזונדערער אינטערנאַציאָנאַלער ייִדישקייט, מיט אַ ייִדישקייט, וואָס איז צוזאַמענגעשלעפּט פון אַלע עקן וועלט, און וואָס גיסט אויף איר אַרויף דעם שמן-זית פון בײנקעניש נאָך דער אַלטער היים, נאָך די צענדליקער אַלטע היימען, וווּ די ניו-יאָרקער ייִדן האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט, — בײנקעניש נאָך די פּריצישע גערטנער, וווּ זיי האָבן געגנבעט עפּל, נאָך די טײַכלעך, וווּ זיי האָבן זיך געבאָדן אין ד[…] ניין טעג, נאָך די שקאָצים און די הינט, מיט וועלכע זיי

האָבן געהאַלטן מלחמות. נאָך די קליאַטשעס, וואָס זיי האָבן פון זייערע ווידלען געצופּט האָר אויף סטרונעס.

די אַלע מוזיק=קראָמען, ביכער=קראָמען, פּרעסאַרניעס, טעאַטערס, שפּייז=קלייטן — אַלע באָדן זיי זיך אין אַטדער צעשמאָלצענער ביינקעניש. די ביינקעניש — איז דער טרייב=כּח פון לעבן, פון ליבן, פון פרייען זיך און פון ביזנעס אויף דער סעקאָנד עוועניו. יעדער איינער זוכט צו שלאָגן זיין קאָנקורענט מיט שטאַרקער אויפרייצן די ביינקעניש, מיט ווייטיקדיקער שמייסן די זכרונות, מיטן אַרויסרופן אַלץ בולטערע און שאַרפערע בילדער פון דער אַלטער היים.

קומט איין מוזיק־קראָם (מוזיק=קראָמען זיינען אויף סעקאָנד=עוועניו פאַראַן כּמעט אין יעדער הויז), און איז מודיע מיט קדוש=לבנה=אותיות, אַז ער האָט אָקאָרשט באַקומען נייע גראַמאָפאָן=פּלאַטן פון די „אמתדיקע 100־פּראָצענטיקע, האַרצרייסנדיקע יידישע פאָלקס=ניגונים, וואָס די מאַמע האָט אין דער אַלטער היים געזונגען ביי אייער וויגעלע" — באַווייזט זיך אַ צווייטע קראָם און זאָגט אָן, אַז זי האָט פּלאַטן פון די לידער, מיט וועלכע „דער בדחן האָט באַזעצט אייער באָבען", קומט אַ דריטע און איז ווידער מודיע, אַז זי האָט די פּלאַטן מיט די ניגונים, וואָס „אייער זיידע האָט געזונגען ביים גמרא לערנען", און די פערטע רעכנט ווידער אויס, אַז אויפן ניו=יאָרקער יידן דאַרף אַ שטאַרקערן רושם מאַכן אַ רוסיש רעוואָלוציאָנער ליד פון 1905. נאָך שטאַרקער פון דער מאַמעס וויגליד, פון דער באָבעס באַזעצניש און פון דעם זיידעס גמרא־ניגון. און די אַלע קרעמערס באַגנוגענען זיך ניט דערמיט אַליין, וואָס זיי זאָגן צו גליקן, נאָר זיי באַווייזן טאַקע באַשיימפּערלעך זייער כּהורה — און פון אַלע ווינקלען גאַס הילכן „טליתים=לעך" און „באַזעצנישן" און „בריוועלעך צו דער מאַמען" און „געזעגענע ימים" אויף יידיש און אויף רוסיש, לויפן

אין געיעג מיט די אַנדערע גערוישן פון דער אייביק־קאָביקער עוועניו, און פאַרוויקלען די גאַס אין אַ שלייער פון כאָרכלדיקער, זיך פרעגלענדיקער און האַצעקלאָציקער גראַמאָפאָן־מוזיק:

פון איינעם אַזאַ קראָם, וואָס פאַרזאָרגט כלל־ישראל מיט פורן מוזיק, האָב איך אין איינעם אַ ווינטערדיקן פאַרנאַכט געהערט אַרויספּאָנפּענענדיק „בובליטשקי", דער הפקרדיקער, אויף אַלץ פייפנדיקער און פאַנאַנדערגעגאַרטלטער ניגון האָט זיך מיט שקאָצישקייט געשפּרייט איבער דער גאַנצער ברייט פון גאַס, און אַרום דעם קראָם האָבן זיך געקליבן ייִדן, נעגערס, איטאַליענער, אַירישע, זיינען געשפּרונגען פון איין פוס אויף דער אַנדערער — פון קעלט, צי פונם צעזונגענעם פינטעלע אין זיך — און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זייערע אויפגעשפּיצטע אויערן פינטלען פון חידוש און פון אויפגעוועקטער צעהוליעטקייט.

און בײַ די ייִדן, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום, האָט דער ניגון געוועקט בענקעניש נאָך צעשפּרייטע אוקראַינישע סטעפּעס, נאָך ימים זאַנגען, וואָס ווירבלען זיך אין ווינט, נאָך צעשויבערטע כוואַליעס אויפן דניעפּר און אויף דער דווינע, נאָך קרוזיקע בעריאָזע־וועלדעלעך, נאָך ברוזיקייט און ווילדעניש פון קיעווער און אָדעסער פאָרשטאָט־געסלעך, נאָך גלאַנציקע, ווילנעריש כאַליעוועס און טשופּרינעס, נאָך רויטע מיידלשע באַקן. און ייִדן פון מאַלאָראָסיע, פון מאָלדאַוויע, פון פאָדאָליע און פון בעלאָרוסיע זיינען געשטאַנען, ווי אָנגענאַגלט, גאָר ניט געמערקט דעם גרויסן פראָסט, האָבן מיט מתיקות און פאַרהאַוועטע קנייטשן אַרום פאַרמאַכטע אויגן מיטגעברומט:

„ניע פּלאַטש זשע פּעניטשקאַ,
סקאַזאַל מניע סעניטשקא"...
און די רעסטאָראַנעם פון סעקאָנד עוועניו!

דעם בכבודיקסטן אָרט האָבן פאַרנומען די רומענישע רעסטאָראַנען, דער באַרימטער מאָסקאָוויטש=רעסטאָראַן, דער נאָכגעמאַכטער „מאָסקאָוויטש און לופּאָוויטש=רעסטאָראַן", דער „ליטל רומעניען ראַנדעוווּ", און נאָך, וווּ מען קאָרמעט דעם צעהוליעטן, שוין אַביסל בגילופֿנדיקן עולם מיט אַן אמתער רומענישער מאַמאַליגע, וואָס איז אַזוי פֿעט, אַז מען מוז איר שנײַדן מיט אַ פֿאָדים, און מיט אַ כפֿול=שמונהדיקן, געפֿעפֿערטן, געזאַלצענעם און געפּאַפּריקטן בלוט=סטייק, און מיט אַן עכטן גלעזל בעסאַראַבער זויערווײַן (געמאַכט פֿון ניו=יאָרקער ראָזשינקעס און קאַבעבעס). און געפֿילט איז דאָס אַלץ מיט דער אמתער בײַנקעניש־געפֿילעכץ, און דער פֿידעלע סקריפּעט נאָך אויס דעם אמתן וואָלאַכל, און די זינגערקע דערלאַנגט נאָך דעם אמתן „אלי, אלי" מיטן חזנישן קוועטש און דרייו. איז דען אַ װוּנדער, אַז פֿון אָט־די אַלע מטעמים ווערט דער עולם פֿריטשמעליעט פֿון האַרצקלעמעניש און פֿון די בעסטע און איידלסטע געפֿילן, און פֿון די אויגן קאַפּען אַרויס טרערן ווי באָב, און אין יעדן טרער שפּיגלען זיך אָפּ, אַזוי ווי אין אַ כּישוף=פֿילקע, די פֿעלדער און לאָנקעס פֿון בעסאַראַביע, די טײַכלעך פֿון פּאָדאָליע, די גלאַנציקע לאַק=שטיוועלעס פֿון די מאָלדאַוואַנקער יאַטן?

פֿון די שטאַרק=פּאָפּולערע סעקאָנד=עוועניו רעסטאָראַנען איז דער „אמתער מאָסקאָוויטש רעסטאָראַן", (אַזוי הייסט ער אויפֿן שילד), באַזונדערש באַליבט בײַ דער ייִדישער באָהעמע, וועלכע קומט אַהין נאָך די קאַפֿע=שעהן אין „ראָיאַל" און אין „אייראָפּע", אַ זופּ טאָן ווײַן און אײַנזאַפּן אין זיך די מוזיקאַלישע אימפּראָוויזאַציעס פֿון מאָסקאָוויטשן וועלכער איז זייער באַקאַנט געוואָרן דורך זײַן שפּילן אויף אַן אייגענעם אינסטרומענט, וואָס איז אַ מין געמיש פֿון קלאַוויר און באַנדורע, און ער קלאַפּט אויף דעם אויס מיט

אַ האַמערל די האַרציקסטע ניגונים. חברים האָבן מיר דערציילט, אַז גרויסע ווערק זײַנען אין דעם רעסטאָראַן אַנטשטאַנען, און שעפֿערישע פֿאַנטאַזיעס זײַנען געטראָגן געוואָרן אויף די פֿליגלען פֿון מאָסקאָוויטשעס יידיש-רומעניש-רוסישע זיס-אומעטיקע מעלאָדיעס, און האָבן געפֿונען זייער תּיקון אין אָנגעשריבענע, און נאָך מער: ניט-אָנגעשריבענע ווערק.

אויך די רוסישע רעסטאָראַנען פֿאַרנעמען דאָרטן אַ בכבודיקן אָרט, און די ברייטביינערדיקע, באַפעלערינטע און באַפּאַפּאַכעטע גיגלניקעס קאָזאַקן מיט די גזלנישע פּנימער, וואָס היטן די טירן פֿון דער „רוסישער קרעטשמע", „רוסישן קונסט-רעסטאָראַן", „מעדוויעד", עפֿענען מיט גרויס דינסטגרייטקייט יעדן אָונט די טירן פֿאַר ניט ווייניק ניו-יאָרקער יידן, וואָס קומען אַהין זיך האַרציק אויסבענקען בײַ אַ שיסעלע אָקראָשקע, צוגעבראָקט מיט אַ קלאָגמוטערדיקן רוסישן ראָמאַנס, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט בענקעניש און אומעט, אָדער בײַ אַ באַלאַלייקע-געדריבל.

נאָך אָן אַ שיעור גאָרקעכער זײַנען צעשאָטן איבער סעקאָנד-עוועניו, פּרעסאַרניעס אונטער וועלכן ניט איז נאַציאָנאַלן טעם און פֿלאַג, און גלאַט אַזוי פּרעסאַרניעס. און יעדע איינע איז באַרימט מיט עפּעס אַ באַזונדערן מאכל אירן, וואָס ווערט דאָרטן צוגעגרייט בעסער, ווי אומעטום און „פּונקט אַזוי, ווי איר האָט דאָס געהאַט אין דער אַלטער היים". און אַלע זײַנען זיי שטענדיק געפּאַקט מיט מענטשן פֿון דער אַלטער היים. מען זיצט בײַ די טישן, וואָס ברעכן זיך פֿון דער שפֿע מאכלים, אין האַרצן נאָגט אַ בענקעניש, דער מאָגן אַרבעט אויף אַלע כּלים און פֿאַרדייט מיט גרויס מאַטערניש די גרויסע סכומים פֿעטקייטן, וואָס מען פּאַקט אין אים אַרײַן, אָבער קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ: מען עסט ניט אַזוי צוליב הונגער, ווי צוליב בענקעניש. און מיט

יעדן ביסן פילט מען, ווי מען שלינגט אין זיך אַריין שטיקער אַלטע היים.

אויף דער סעקאָנד עוועניו פינטלען אויך די פייערלעך פון קאַפע „ראָיאַל“, דעם ווייט- און ברייט-באַרימטן יידישן באָהעמע-קאַפע, און אַביסל אָפּגעקערט, אין אַ זייטיקער סטריט, שטייט זיך באַשיידן דער ניט-לאַנג אויפגעקומענער קאַפע „אייראָפּע“, וואָס ציט שוין ביסלעכווייז אַריבער צו זיך די קאַרפּן-קעפּ פון דער ליטעראַטור און אירע זייטן-ביינדלעך. און „אייראָפּע“ איז טאַקע חנודיקער פון „ראָיאַל“. „אייראָפּע“ איז באַשיידענער, יידישלעכער, געשמאַקפולער. „ראָיאַל“ איז שרייעדיקער, טומלדיקער, פּרעטענציעזער, און אפשר דערפאַר טאַקע האָט זיך שוין איצט גענומען איינטיילן דער עולם: אין דעם טעאַטראַלישן „ראָיאַל“ קומט זיך צונויף די טעאַטער-וועלט און די שרייבערס פון דער טעגלעכער פּרעסע, און אין דער באַשיידענער „אייראָפּע“ זעט מען די אמתע, די „אייביקייט-שרייבער“.

דאָ, אויף סעקאָנד עוועניו, האָבן זיך אויך איינפּלאַצירט די יידישע אָפּערעטן-טעאַטערס — ניט אומזיסט רופט מען די גאַס (אַ ביסל מיט חוזק) „די עוועניו פון יידישער קונסט“. דאָרטן האָפּקען און זינגען מערערע פייקע, אָפּטמאָל פאַרפלעפנדיקע יידישע שוישפּילער און שוישפּילערינס, זיי האָבן זיך דאָרטן איינפּלאַצירט מיט זייער אויסערגעוויינטלעך שונדיקן רעפּערטואַר, וועלכן זיי פאַרשטייען אָבער אָפּטמאָל צו באַחנען און צו באַשטראַלן. דאָרטן זיינען אויך פאַראַן די אַנדערע אָפּערעטקעס, ווו עס קאָרמענען דעם עולם מיט קוועטשעניש-אָפּערעטן די ביליקע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, די דאָרטיקע פּיעסן זיינען די ערגסטע אין דער וועלט, די יידישע אָפּערעטקעס אין אייראָפּע זיינען קונסטווערק לגבי די אַלע „סאָניטשקעס“, „גאַסן-פרויען“, „לוקסוס-שקלאַפן“, „יתומהלעך“ און „קאָמעדיאַנטקעס“ פון דער

סעקאָנד-עווענױ, אָבער דער עולם נעמט זײ מיט שטורעם, זײ גײען ניט אַראָפּ גאַנצע סעזאָנען, װײל זײ זײנען אָנגעזאַפּט מיט בײנקעניש נאָך דער אַלטער הײם, און זײ גיבן דעם שקלאַף פֿון ניו-יאָרקער אַלטאָג די געהעריקע פּאָרציע געפֿילעכצן, פֿרײדן און אָיקעניש. װײל אַחוץ דעם, װאָס אין די „פּיעסן" רעדט זיך געװײנטלעך װעגן אלטהײמישע טיפּן, איבערגעפּלאַנצט אױף דער אַמעריקאַנער ערד, פּלעכט מען נאָך אַרײַן אין זײ גלאַט אין דער װעלט געזאַנג-נומערן װאָס האָבן קײן שום שײַכות ניט מיטן „אינהאַלט". די געזאַנג-נומערן זײַנען האַלב-רוסיש, פּאָלאָװינע רומעניש און מען זינגט אין זײ װעגן „יאַ ליובליו טעביאַ" און „סיראָטקע", און דערמאָלט צעשמעלצט זיך דער עולם אין בײנקעניש און טשאָלנט-מתיקות.

דאָס איז אין די נעכט.

אין די טעג לעבט און קאָכט די סעקאָנד עװעניו מיט בױנעס, מיט האָריאָפּ. זי גיסט זיך פֿאַנאַנדער אין טומלעניש און געשרײען ביזן הימל. דאָ מאַכט מען צורעכט שיך, מען פּרעסט היט, מען פֿאַרקױפֿט עפּל און באַנאַנעס, מען לײגט געלט אין באַנק, מען פֿאַרקױפֿט פּלעצער און הײַזער. אין יעדער צװײטער הױז איז אַ פֿאָטאָגראַפֿישע אַטעליע, אין די װיטרינעס פֿון די רעסטאָראַנען ליגן פּודן רױע פֿלײש, אין די אַפּטײקן האַנדלט מען מיט גומי-שװאָמען, מיט פּוטערברױטן, מיט ביבער און מיט רימענס אױף צו האַלטן די הױזן, און אין אַ רעדאַקציע פֿון אַ רוסישער צײַטונג, װאָס געפֿינט זיך דאָ, פֿאַרקױפֿט מען עכט-רוסישע איקרע, באַליק און ריגער שפּראָטן. אױף אַלע װינקלעך שטײען אינגלעך און פֿאַרקױפֿן פֿאַפּענע הינטלעך און פֿאַפּירענע בײטלען, איטאַליענער פּוצן שיך, אויטאָמאָבילן הודושען, און איבער דעם

אַלעמען פליען פילקעס — אין רעכטן קאָד און ברען, אינמיטן גאַס, שטייען מחנות ייִנגלעך און שפּילן בעיזבאָל.

אָבער צוגלייך מיטן טאָג, צוזאַמען מיט זיין ליכט און שיין, פאַרשווינדט אויך אָטדער לעבן און הוואַ, און ווען עס קומט דער בין־השמשות, איבער דער גאַס לאָזן זיך אַראָפּ די פּיאָלעטע פאַרנאַכטיקע שאָטנס, — הייבן זיך אָן צו צינדן איבער אַלע טירן און אין אַלע וויטרינעס פייערן און פייערלעך און טוליען איין די סעקאָנד עוועניו אין אַ יריעה פון בײנקעניש.

דעמאָלט הייבט זיך אָן אויף סעקאָנד עוועניו דער בײנאַכטיקער, דער פאַרבײנקטער לעבן.

# אויף רעקלאַמע שטייט די וועלט

מענטשן בלייכע, אויסגעמוטשעטע, פאָרן פון דער אַרבעט. קוים וואָס מען האַלט זיך אויף די פיס, מען דרעמלט שטייענדיק. נאָך אַ נס, וואָס דער סאָבוויי איז אַזוי געפּאַקט, און מען שטייט איינער אויפן אַנדערן, מען פאַלט ניט. אָבער צווישן אָט די אויסגעמאַטערטע, אַפּאַטישע פּנימער זעט מען אויך דאָ און דאָרטן אַ פאַרינטערעסירטן פּנים, און אויגן, וואָס קעמפן מיט דער מידקייט און שלעפעריקייט, בלאָנדזשען אַרום איבער ווענט, נישטערן, זוכן און — אָ, וואונדער! — פון צייט צו צייט גיסט זיך אַפילו פאַנאַנדער איבער אָט דעם, דאַכט זיך, אַזוי־אָפּגעטעמפּטן פּנים, אַ ברייטער שמייכל.

וואָס איז?

דאָס האָט אימיצער פון אָט דער טעמפּער שקלאַפן־אַרמיי, זיך אַרויסטרייסלענדיק פון דרימל, צופעליק אַ וואָרף געטאָן אַן אויג אויף אַן אַדווערטייזמענט, אויף אַ פּלאַקאַט אין דער גאַנצער ריי פּלאַקאַטן, וואָס איז אויסגעהאַנגען אונטער דער סטעליע פון וואַגאָן. ער האָט אינסטינקטיוו דורכגעלייענט דעם טעקסט און שוין — ער איז שוין אַ פאַרפאַלענער: ער וועט שוין מער דעם גאַנצן וועג ניט שלאָפן, ער וועט שוין לייענען איין פּלאַקאַט נאָכן אַנדערן, ער איז שוין „איינער פון די טעגלעכע פיר מיליאָן לייענער פון די פּלאַקאַטן אין סאָבוויי", אַזוי, ווי עס זאָגט אַן אַ פּלאַקאַט, וואָס איז אויסגעהאַנגען אין יעדן וואַגאָן.

וואָס האָט ער געזען, דער מידער, דער פאַרהאָרעוועטער און פאַרטעמפּטער מענטש?

ער האָט דורכגעלייענט אַ פּלאַקאַט:

„שיק בעסער דיין וועש אין (דער און דער) וועשעריי, איידער צו שיקן דיין ווייב אין שפּיטאָל״

אָדער ער האָט דורכגעלייענט:

„איינמאָל אין לעבן איז מיין ווייב גערעכט געווען זי האָט מיר געהייסן נעמען דעם און דעם מיטל צום הוסט, און עס האָט טאַקע געהאָלפן״.

און ביי אָטדעם טעקסט שטייט אַ בילד פון דעם מאַן, וועלכער זאָגט דאָס: אַ טיפּישער אַמעריקאַנער, מיט ווייסע האָר און אַ ראָזן, צופרידענעם פּנים, און דער אויסדרוק פון זיין פּנים זאָגט, אַז אים פאַרדריסט דאָס טאַקע, וואָס די ווייב האָט געהאַט רעכט, אָבער פון דער אַנדערער זייט, איז ער אויך צופרידן: מיט איין וואָרט — הן דער טעקסט, הן דער בילד ווירקן אַזוי איבערצייגנדיק, אַז מען מוז שוין נעמען און קויפן דעם רעקלאַמירטן מיטל.

וווּנדערלעך איז אויסגעשטעלט די רעקלאַמע־קונסט אין אַמעריקע. די איינפאַלן זיינען אַזוי איינפאַך, וואָס איינפאַכער קאָן מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, און דורכדעם זיינען זיי טאַקע געניאַל, און זיי פאַרפעלן קיינמאָל ניט זייער צוועק. ווי אַ בליץ קלאַפּט דורך דעם מח יעדער וואָרט פון דער רעקלאַמע. אַמעריקאַנער געפינען די קורצע, שלאָגעדיקע ווערטער פאַר דעם אַרטיקל, וואָס זיי רעקלאַמירן. און דאָס ווירקט פאַרפּלעפנדיק, איר זייט זיכער, אַז דווקא דער רעקלאַמירטער אַרטיקל איז טאַקע דער איינציקער אין דער וועלט, און דער וועג, וואָס עס ווערט אָנגעוויזן אין דער געגעבענער רעקלאַמע, איז טאַקע דער ריכטיקסטער אין דער וועלט, און אַז בכלל איז אַלץ, וואָס ס׳ווערט געזאָגט אין רעקלאַמע, איז הייליק. אָט אַזאַ כח האָט די רעקלאַמע, פאַר=

שטייט זיך, נאָר דעמאָלט, ווען מען פאַרשטייט איר אָנצו־
ווענדן, ווען נויטיק און ווי נויטיק. און אויף דעם זיינען די
אַמעריקאַנער מייסטערס. די גאַנצע וועלט מעג זיך לערנען
ביי זיי.

אין פענסטער פון איינעם אַ באַנק אויף בראָדוויי איז
מיר אויסגעקומען צו זען אַזאַ מין זאַך:

דאָרטן איז געלעגן אַן אַלטע מטבע, פון די צייטן
פון נירון קיסר, און איבער דעם איז געהאַנגען אַ צעטל
מיט אַן אויפשריפט:

„ווען די מטבע וואָלט אין יענער צייט אַוועקגעלייגט
געוואָרן אין אונזער באַנק אויף די 4 און אַ האַלב פּראָצענט, וואָס
מיר צאָלן, וואָלט זי איצטער איינגעבראַכט אַזוי פיל און
אַזוי פיל דאָלאַרס" (דערביי איז אָנגעשריבן געווען אַן
אַסטראָנאָמישע ציפער מיט אַ פּאָר איינסן און אַ צוועלף
אָדער נאָך מער נולן).

בעת איך האָב דאָס דורכגעלייענט, האָב איך גאָר
פאַרגעסן, אַז זינט דעמאָלט איז שוין אַוועק בערך אַ צוויי
טויזנט יאָר צייט, אַז ניט אַלע מענטשן פאַרגינען זיך צו
לעבן אַזאַ שלל מיט יאָרן, — און איך האָב אינסטינקטיוו
גענומען זוכן ביי זיך אין קעשענע אַ מטבע, כּדי איר אויפגיך
אַוועקצולייגן אין דעם באַנק און צו דערלעבן פון איר נחת.

אָט אַזוי איבערצייגנדיק ווירקט די רעקלאַמע אין
אַמעריקע.

דאָ איז דאָ אַ סאָרט סיגאַרן, וואָס קאָסט מיט אַ
פּאָר סענט טייערער, ווי די אַנדערע. אויב דער סאָרט איז
דווקא בעסער, ווייס איך ניט. אָבער כּדי צו איבערצייגן דעם
געברויכער, אַז עס איז טאַקע בעסער, האָט די פירמע
אַרויסגעלאָזן אַזאַ פּלאַקאַט:

אַ יונגער אָפיצער זיצט מיט אַ מיידל און פלירטע־
וועט. מיטאַמאָל גייט דורך אַן עלטערער אָפיצער, מיט אַ

פאַר בענדלעך מער אויפֿן אַרבל, און דער יונגער לאָזט אי־בער דעם אינטערעסאַנטן שמועס, שפּרינגט אויף און באַ־גריסט דעם עלטערן. די מיידל מאַכט אַן אומצופרידענעם פּנים, און אונטערגעשריבן איז:

„דער אונטערשייד, וואָס אַ פּאָר בענדלעך מאַכן —— דער אונטערשייד, וואָס אַ פּאָר סענט מאַכן".

אָדער אַזאַ פּלאַקאַט, מיט אַ פּרעכטיקן קונסט־בילד, ווי אַ מאַן זיצט און רויכערט טאַבאַק (פאַרשטייט זיך, פֿון אַ געוויסער מאַרקע) מיט אַ באַזונדערש פאַרגעניגטן פּנים, און אַ יונגע פרוי זיצט דערביי, קוקט פאַרגאַפט אויף אים און מורמלט פאַרחלומט:

„פאַרוואָס בין איך ניט קיין מאַנסביל"!

עס איז כדאי צו זען, ווי מען רעקלאַמירט אַ באַ־קאַנטן זייף־סאָרט, וואָס איז זייער פאַרשפּרייט אין אַמעריקע. מען דרייט אים אויף כּלערליי אופנים, מען מאָלט בילדער, וואָס האָבן די ווייטסטע שייכות צו דעם זייף, די פּלאַקאַטן שטעלן פאָר די פאַרשיידנסטע וואַריאַציעס: פאַמיליען־סצענעס, ליבע־סצענעס, היסטאָרישע סצענעס, רייזע־סצענעס —— אָבער אומעטום, אין אָט די אַלע סצענעס, ווערט גאָר אומפאַר־האָפט און אומדערוואַרט אַריינגעדרייט דער זייף־סאָרט, און אַלע מאָל אויף אַזאַ אופן, אַז עס ווירקט אַמשטאַרקסטן, אַז עס ווערט אַריינגעקלאַפּט אין מח, ווי מיט טשוועקעס.

מער פון אַלץ ווערן רעקלאַמירט שפּייז־זאַכן, ווייל אין אַמעריקע ווערט אומגעהויער פיל געגעסן, און געשמאַק גע־געסן. און יעדער, ווער עס וויל מאַכן גרויסע געלט, נעמט זיך דאָ צו פאַבריצירן שפּייזן. און טאַקע צום פאַבריצירן, ווייל דאָ ווערן ניט געברויכט די שפּייזן נאַטירלעך, אַזוי ווי די נאַטור האָט זיי באַשאַפן, נאָר זיי ווערן געברויכט אין די פאַרשיידנסטע צוזאַמענזעצונגען און צוגרייטונגען. עס הערשט אַן אומגעהויערע פאַרשיידנאַרטיקייט אין עסן, יעדער

נאַטירלעכער און געמאַכטער שפּייז=פּראָדוקט ווערט אויסגע=
נוצט אויף די צענדליקער אופנים. דער געשמאַק פונם אַמע=
ריקאַנער צום עסן איז זייער תאוהדיק און שטאַרק אַנט=
וויקלט, און כּדי צו באַפרידיקן אַטדעם געשמאַק, ווערן צו=
געטראַכט די פאַרשיידנסטע קאָמבינאַציעס, און יעדע נייע
שפּייז=קאָמבינאַציע ווערט דורך די פּילצאָליקע שפּייז=פאַברי=
קאַנטן רעקלאַמירט אויף אַ גראַנדיעזן, אויף אַ הימל=שריי=
ענדיקן אופן, אויף אַלע פּלאַקאַטן ווערן געבראַכט פּילפאַרבי=
קע, נאַטור=געטרייע צייכענונגען, וואָס זיינען אַפּעטיטלעך
און הערלעך, אַז ביי יעדן, וואָס זעט דעם פּלאַקאַט, לויפט
סלינע.

די אַמעריקאַנער פּלאַקאַטן קאָן מען שטודירן אָן אַ
סוף, און מען קאָן גאָר קיינמאָל ניט מיד ווערן, זיך צו=
קוקנדיק צו זיי. ווייל לערנענדיק זיי, לערנט מען דעם אַמע=
ריקאַנער לעבן. די פּלאַקאַטן זיינען די אָפּשפּיגלונג פונם
לעבן אין אַמעריקע, און דער דאָרטיקער לעבן איז אַן אָפּ=
שפּיגלונג פון די פּלאַקאַטן. זיך צוקוקנדיק צו די פּלאַקאַטן,
דערוויסט מען זיך אַלץ: ווי דער אַמעריקאַנער לעבט און
שאַפט, דער גאַנצער אַמעריקאַנער לעבן, אַלע 24 שעה פון
אַמעריקאַנערס מעת=לעת, זיין אַרבעטן און וווילן זיך, זיין
עסן און שלאָפן — אַלץ גייט פאַרביי אין אַ בונטן קאַ=
ליידאָסקאָפּ פאַר די אויגן פון יענעם, וואָס אינטערעסירט זיך
מיט דער אַמעריקאַנער רעקלאַמע. און נישט אינטערעסירן
זיך מיט איר איז אוממעגלעך — זי רייסט אויף די אויגן.

# צווישן שטומע און ריידעוודיקע שאָטנס

די פאַרקאָכטקייט אין קינאָ איז אין אַמעריקע אומגעהויער. דאָ איז דער פילם ממש אַן אַלגעמיינער פסיכאָז. ס'איז אַ מין פאָלקס-קרייַנק. די גאַנצע צייט, וואָס דער אַמעריקאַנער (באַזונדערש אָבער די אַמעריקאַנערין) האָט פרייַ פון קאַנטאָר, פון סאָבוויי, פון ברידזש, אָדער פון שאַפּ, ווערט פאַרבראַכט אין קינאָ. און עס איז טאַקע קיין חידוש ניט, וואָס אין ניו-יאָרק זייַנען פאַראַן גאַסן (שוין נישט ריידנדיק פון דעם באַרימטן טעאַטער-געגנט אויף בראָדוויי), וו אין יעדער הויז זייַנען דאָ קינאָס, און וואָס די טירן פון אָטדי אַלע קינאָס זייַנען אָפן פון פרי ביז שפּעט איינדערנאַכט פאַר דעם אומויפהערלעכן שטראָם געסט, וואָס שיט זיך אין זיי איבער.

די מוווים (קינאָס) ליגן דאָ אויך, אַזוי ווי אַלץ, אין די הענט פון גרויסע געזעלשאַפטן. אייניקע מיליאָנען-קאָמפּאַניעס האָבן אויסגעשפּרייט אַ נעץ פון זייערע קינאָס איבער אַלע ווינקעלעך, און די טעאַטערן פון יעדער געזעלשאַפט זייַנען אַלע מאָדנע ענלעך איינער צום אַנדערן: אין אַלע ווערט געגעבן דער גלייכער בילד, די אינעווייניקסטע איינריכטונג פונם קינאָ איז דיזעלביקע, זיי ווערן רעקלאַמירט אויף אַ הורטאָוונעם אופן.

קיין אויסנאַם שטעלן אפילו נישט פאָר די גרויסע קינאָ-פּאַלאַצן פון ניו-יאָרק. דער „פּערעמאַונט", דער „קעפּיטאָל" און אַנדערע. זיי זייַנען נאָר גרעסער, ווי די אַנדערע. און אַזוי אַרום איז אויך גרעסער זייער פּראַכט און זייער (גאָט פונם דאָלאַר, זיי מיר מוחל!) געשמאַק-

לאָזיקייט. אפילו דער „ראַקסי", דער גרעסטער קינאָ־טעאַטער אין ניו־יאָרק און גאַנץ אַמעריקע, וועלכער ווערט אין די אַנאָנסן און אין די פּראָגראַמען אָנגערופן „די קאַטעדראַלע פון מוווים", און וועלכער איז טאַקע באמת אַ מין צויבער־אָרט בנוגע פאַרבנרייכקייט און לוקסוס, טיילט זיך אויך נישט אויס פון דעם אַלגעמיינעם דורכשניט. מער נישט, די איינריכטונג קאָסט מער, דער אָרקעסטער איז גרעסער, די באַלייכטונג איז שפּעדיקער — אָבער וואָס שייך סטיל און אַרט, איז ער פּונקט דערזעלביקער, ווי אַלע אַנדערע ניו־יאָרקער מוווים.

צוואַנציק מיליאָן מענטשן גייען יעדע נאַכט אין די אַמעריקאַנער קינאָ־טעאַטערס, ד. ה. אַ זעקסט־חלק באַפעלקערונג פון גאַנץ אַמעריקע פאַרבריינגט יעדן אָוונט אין דער געזעלשאַפט פון די שאָטנס אויף דער וואַנט, לאַכט און וויינט, לעבט און ליבט און שטרעבט, איז באַגייסטערט און פאַרצווייפלט, מיט די פריידן און ליידן, מיטן לעבן און טויט, מיט דער ליבע, מיטן קאַמף און מיט די דערגרייכונגען פון מער נישט, ווי עטלעכע הונדערט מענער און פרויען (אַחוץ די עטלעכע צענדליק דרעסירטע פערד, הינט און אַנדערע עקראַן־באַשעפענישן), וואָס באַווייזן זייערע העלדישקייטן אויף אַלע עקראַנען פון די פאַראייניקטע שטאַטן. צוואַנציק מיליאָן הערצער ציטערן יעדן אָוונט און זיינען גרייט אַרויסצושפּרינגען פון זייער אייגענער מחיצה ביי די ליבע־דערקלערונגען, ביי די אַקראָבאַטישע שפּיצלעך, ביי די פּיקאַנטע קווי־פּראָ־קוואָס און ביי די פלאַכע וויצלעך פון די באַליבטע העלדן און העלדינס. און צוואַנציק מיליאָן בעיזבאָלשפּילער און שלאַכטער־געהילפן און ליפט־יינגלעך און באַנאַנען־הענדלער און שיך־פּוצער און מאַשין־שרייבערינס און פאַרקויפערינס און שאַפּ־מיידלעך שלינגען יעדן אָוונט די שאָטנס אויפן לייוונט און טרינקען זיך איין מיט פּי־

בערדיקע אויגן און אויפגעוועקטע חושים אין דעם, ווי יענע, די שאַטנס, טראָגן דעם שליפס און דעם בײַטעלע, ווי זיי דרייען מיטן שטעקעלע און מיט די אויגן, ווי זייערע האָר זײַנען געפאַרבט און ווי זייערע וואָנצעס און ברעמען זײַנען צוגעפוצט, ווי זיי באַגריסן זיך און געזעגענען זיך, ווי זיי זיצן בײַם טיש און ווי זיי גייען אין גאַס — און דאָס אַלץ ווערט נאָכגעמאַכט מיט אַלע פּיטשעווקעס, נאָכגעמאַכט אַזוי לאַנג, ביז דער פילם, וועלכן מען קאָפּירט, האָט שוין דורכגעמאַכט זײַן נצחון־מאַרש דורך אַמעריקע, און עס קומט אָן מיט רעש און מיט געפּילדער, בתופים ובמחולות, אַ נײַער פילם, און דער עולם הייבט אָן נאָכצומאַכן דעם נײַעם פילם און פאַרגעסט דעם אַלטן.

אָן אומגעהויערע דערציערישע באַדײַטונג האָט אין אַמעריקע דער עקראַן. דער עקראַן איז אַלץ. מיטן כּח פון זײַן אויסטערלישער רעקלאַמע און מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצײַג פון זײַנע אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן, רײַסט ער אַרויס די יוגנט פון די שולן און ספּאָרט־פּלעצער, ביזנעס־לײַט פון זייערע געשעפטן און קאָנטאָרן, באַלעבאַטישע פרויען פון כאַפּן מציאות אין די אוניווערסאַל־געשעפטן און פון די ברידזש־פּאַרטיעס, אינטעליגענטן פון ערנסטן טעאַטער, אַלטע לײַט פון בתי־מדרשים און פון צײַטונג־לייענען, זקנות פון זאָקן־שטריקן — און ווי אַ ווילדער וויכער שלעפּט ער אַלעמען צוזאַמען אין די קינאָ־טעאַטערס און גיט זיי אַ פּאַפּעלן — פריער אין שטום־לשון, איצט אָבער מיט אַ מעכטיקער, הילכיקער שטים: „טוט אַזוי און אַזוי, קליידט זיך אַזוי און אַזוי, אַט ווי איך, דער מעכטיקער הערשער פון דער זיבעטער וועלט־מלוכה, הייס אײַך!“ און דער עולם טוט אַזוי. קליידט זיך אַזוי, פירט זיך אַזוי. און 60־יאָריקע זקנות טוען זיך אָן פּונקט אַזעלכע קליידער און מאַכן פּונקט אַזעלכע חנדלעך, ווי די אַלגעמיין־באַליבטע יוגנטלעך־אומ־

שולדיקע מאַרגרעט מאַק־ראָווא; און שיך־פּוצערס טראָגן פּונקט אַזעלכע וואָנצקעלעך און דרייען זיך אויפן קנאַפּל פּונקט אַזוי, ווי דער אַלגעמיין־באַליבטער ערשטער ליבהאָבער וואַלדי קעטשרען; און שול־ייִנגלעך פּינטלען מיט די אויגן און הייבן מיט די ברעמען פּונקט אַזוי, ווי דער פּאָפּולערער אינטריגאַן קאָלדער קאָלדערמאַן.

און מען דאַרף צוגעבן, אַז אין דעם אַמעריקאַנער עקראַן ליגט טאַקע אַ כּישוף, אַ באַזונדערער כּישוף, וואָס מוז בלי ספק ווירקן פאַרשקלאַפנדיק און באַוועלטיקנדיק אויף די מיליאָנען, וואָס אויף זייערע פּלייצעס בויט זיך דער טאָגטעגלעכער לעבן אין אַמעריקע. ער מוז ווירקן פאַרפלעפנדיק, און מען קאָן דערביי פאַרלירן יעטווידן פּערזענלעכקייט־געפיל, יעטווידע אינדיווידועלקייט. קודם־כּל — די מוראדיקע רעקלאַמע, וואָס גייט פאָרויס פאַר יעדן בילד. די רעקלאַמע וואָס זאָגט אָן, אַז דאָס איז „דער אמתער, דער לאַנג־דערוואַרטער, ברענענדיקער, שטורעמדיקער, פייערדיקער און ברויזנדיקער בילד, קעגן וועלכן אַלע ביזאַיצטיקע בילדער זיינען ניט מער ווי אַ קינדער־שפּיל; דער בילד, וועלכער ווייזט דעם אמתן וועג צום לעבן און צום ליבן, דער בילד, וועלכער האָט אָפּגעקאָסט אַזויפיל און אַזויפיל מיליאָנען, און אין וועלכן עס טרעט אַרויס די און יענע באַרימטע יפי־פיה, וועלכע עסט יעדן טאָג צו פרישטיק די טויזנטער מענטלעכע הערצער, און דער און יענער באַרימטער אַרטיסט, וועמען אַלע פרויען ליבן און אַלע מענער האָבן פיינט".

דאָס איז נאָר אַ קליינער מוסטער־שפּליטער פון דער רעקלאַמע, וועלכע באַגלייט יעדן נייעם פילם. מען זאָל נעמען דעם מוסטער, און אים פאַרגרעסערן אין טויזנטער מאָל, און אַחוץ דעם נאָך צוגעבן אַ פּאָר מיליאָן ברייטהאַרציקע צוזאָגעכצן, — דעמאָלט וועט מען באַקומען אַ

פֿאָרשטעלונג פֿון דער בֿרענעדיקער, קאָפּפֿאַרדרייענדיקער, נערוונצאַפּלדיקער און וואָלקנקראַצערישער קינאָ=רעקלאַמע.

אָבער אינעווייניק, אין די אַלע „קאַטעדראַלעס פֿון קינאָ", „קדשי קדשים פֿון די מוּוויס", „טעאַטערס מיט נשמה" און די אַלע אַנדערע קינאָ=טעאַטערס, וואָס די רעקלאַמע קרוינט מיט אָטדי רעליגיעזע און גייסטיקע נעמען, ווערט נאָך שאַרפֿער און בֿולטער דורכגעפֿירט די אַנטבלויזונג פֿון פּערזענלעבקייט און פֿון גייסט. דאָרטן בעת די שאָטנס נעמען ריידן און הילכן פֿון אַלע ווענט, פֿון אַלע ווינקעלעך, און עס הייבט זיך אָן וועבן די מיסטעריע, דער וווּנדערלעכער סוד פֿון לעבן און טויט אויפֿן זילבער=ליילעך, — ווערט פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרוואָס די מיליאָנען מוחות און הערצער ווערן אויסגעוועבט און פֿאַרוואַנדלען זיך אין איין גרויסן פּראָטאָפּלאַזמע=גוף, וואָס ווערט יעדן אָוונט צוזאַמענגעקלעפּט פֿון צוואַנציק מיליאָן קינאָ=באַזוכער איבער גאַנץ אַמעריקע.

# אָפּשייד פֿון ניו־יאָרק

ווען ס'איז געקומען מיין צייט צו פֿאַרלאָזן ניו־יאָרק, איז מיר עפּעס געוואָרן אומעטיק אויפֿן האַרצן. ניט געקוקט אויף דעם גאַנצן שווערן, פֿאַרהאַוועטן און צעשוויבערטן לעבן אין ניו־יאָרק, ניט געקוקט אויף דער צעפֿלויגנקייט פֿון די דאָרטיקע טעג און נעכט, אויף דעם ווילדן אימפּעט און וויכערדיקייט, וואָס רייסט מענטשן פֿון זייער אָרט, וואַרפֿט זיך מיט זיי אַרום ווי מיט פּילקעס, צעמאָלט זיי צווישן זשעדנע ציינער, וואָס ווייסן ניט פֿון קיין רחמנות און ניט פֿון קיין זעט, נאָגט אויס דעם זאַפֿט פֿון זייערע ביינער, און שפּייט זיי אַרויס, ווי אויסגעקוועטשטע, אומנוציקע לימענעס.

די לעצטע טעג פֿון מיין זיין אין ניו־יאָרק, האָב איך פֿון באַגינען ביז שפּעט אינדערנאַכט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער אירע גאַסן, און כ'האָב זיך געפּלייסט איינצוזאַפּן אין זיך אירע ווונדערלעכע שטריכן, און זיי איינקריצן אין מיין מח און האַרץ. איך האָב זיך געמיט אויפֿצולעבן אין מיין זכּרון די געפֿילן, איבערלעבענישן און פֿאָרשטעלונגען, וואָס כ'האָב געהאַט די ערשטע צייטן נאָך מיין אָנקום אַהער. און זייער שאַרף און בולט זיינען מיר דעמאָלט אויפֿגעקומען די זכרונות וועגן דעם, ווי די ערשטע פּאָר וואָכן פֿון מיין פֿאַרברענגען אין ניו־יאָרק האָב איך אויך דורכגעמאַכט די קינדער־קריינק, וואָס כמעט אַלע געקומענע, אַלע גרינע, מאַכן דורך. די קריינק, וואָס רופֿט זיך „אַ קלאָג אויף קאָלומבוסן". ס'איז אפֿשר אַ חרפּה זיך מודה צו זיין אין דעם, — אָבער די גרויסקייט און פּראַכט פֿון ניו־יאָרק איז גע־

ווען צו האַמטנע פֿאַר מיר, ווי האָבן זייער שווער געדריקט אויף מײַנע שוואַכע אייראָפּעישע פּלייצעס. איגאָנהייב האָב איך, אַזוי ווי די פרעמדע, וואָס קומען אַהער פֿון אַלע עקן וועלט, ניט געהאַט קיין אויג פֿאַר די וווּנדער, וואָס האָבן זיך אַרום מיר אָפּגעשפּילט. אָדער איך האָב יאָ געהאַט אַן אויג, אָבער די מאַכט פֿון ניו־יאָרק האָט מיר נאָך ניט פֿאַרכאַפּט אויף אַזוי פיל, און כ׳בין צופיל פֿאַרנומען געווען מיט מײַנע אייגענע צרות און שוועריקייטן.

און צרות און שוועריקייטן האָב איך אין דער ערשטער צײַט געהאַט ניט ווייניק. באַזונדערש פיל געברענטע צרות האָט מיר פֿאַרשאַפֿט די סאָבווי, און כ׳וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן די האַרצעסעניש און פּלאָגען, וואָס כ׳האָב געהאַט אויסצושטיין, ביז איך האָב זיך אויסגעלערנט פֿאַנאַנדערצוקלייבן אין דעם גרויסן אונטערערדישן פּלאָנטער.

אָבער דיעניקע,—און אַזעלכע זײַנען געווים פֿאַראַן ניט ווייניק,—וואָס האָבן אויך געהאַט דיזעלביקע צרות, בעת זייערע ערשטע גרינע טעג אין ניו־יאָרק, וועלן מיר געוויס מיטפֿילן און פֿאַרשטיין, ווען איכ׳ל דערציילן וועגן מײַן שווערער און ביטערער מלחמה מיטן אונטערבאַן. ווי איך פֿלעג שעהנלאַנג אַרומלויפֿן, אַ פֿאַרשוויצטער און אַ פֿאַרסאַפּעטער, אונטער די אומענדלעכע לאַבירינטן פֿון דער אונטערערדישער ניו־יאָרק, און מיט פֿאַרצווייפֿלטע בליקן און מיט שרעק אין האַרצן נאָכקוקן די לאַנגע רייען עקספּרעסן, וואָס פֿליען ווי די רוחות אין אַלע זײַטן, — און ווי איך האָב שטענדיק געטראָפֿן פּונקט פֿאַרקערט, און זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ צוג, וואָס האָט מיך געפֿירט אין אַן אַנטקעגנדיקער ריכטונג. וויפֿל געזונט, צײַט און אויך איבעריקע געלט אָטדי ערשטע צײַט האָט מיר אָפּגעקאָסט, ווי איך בין צוליב גראַם שיעור ניט קראַנק געוואָרן.

דערפֿאַר אָבער האָב איך זיך דערפֿילט מאָדנע גוט

נאָכדעם, ווי כ׳האָב שוין אָפּגעהאַלטן מיין ערשטן נצחון איבערן אונטערבאַן, און זיך שוין אָנגעהייבן פאַנאַנדערקלייבן אין דעם פּלאָנטער. און ווער האָט זיך געקאָנט גלייכן צו מיר אין יענעם גליקלעכן טאָג, ווען כ׳האָב זיך צום ערשטן מאָל אַריינגעזעצט אין דעם ריכטיקן סאָבווי, האָב נאָכדעם זיך אַריבערגעזעצט ווייטער אין אַ צווייטן ריכטיקן צוג, און בין אָנגעקומען דאָרטן, ווו איך האָב טאַקע נויטיק געהאַט. אָן פאַרשפּעטיקונג און אָן צרות.

און דערמיט, אַט מיט דעם ערשטן נצחון מיינעם, האָבן זיך מיר געעפנט די אויגן אויף ניו־יאָרק, און כ׳האָב דערזען דאָס, וואָס מען קאָן אין קיין אַנדער אָרט אין דער וועלט ניט דערזען. איך האָב דערזען די ווילדקייט פון דער וועלט־שטאָט, (געבער: פון דער שטאָט־וועלט) איך האָב דערזען איר גרענעצלאָזע פּראַכט, וואָס שפּיגלט זיך אָן אויפהער אין משוגענער צעהוליעטקייט, וואָס גייט האַנט־ביי־האַנט מיט צעשויבערטן אימפּעט, מיט אומגעלומפּערטער געפאַלנקייט און ברוד, מיט ראַפינירטן עקסטאַז, מיט העכסטן געשמאַק און מאוימדיקסטער געשמאַקלאָזיקייט. עס האָבן זיך מיר געעפנט די אויגן אויף דעם גאַנצן טומלדיקן און פילפאַרביקן לעבן פון די גאַסן און די סקווערן, אויף דעם פּריבאַגינענדיקן און שפּעטבייַנאַכטיקן שווונג פון דעם שוואַרצן האַרלעם, פון דעם געלן כינעזן־קוואַרטאַל, פון דעם פאַרשיידנקאָליריקן אידישן קוואַרטאַל, פון דער פאַרהונגערטער באָוערי; אויף דעם מיליאָנערסקן גלאַנץ פון דער פינפטער עוועניו, אויף דעם ביזנעסדיקן אימפּעט פון דעם דרומדיקן ניו־יאָרק, אויף דער צעבושעוועטער זינדיקייט פון בראָדוויי, אויף דער פאַרברעכערישער פאַנאַנדערגעגאַרטלקייט פון דעם איטאַליענישן קוואַרטאַל, פון די האַפן־געסלעך, אויף די אַלטע אידישע און קריסטלעכע בית־עולמס, וואָס שטייען אינמיטן שטאָט, צווישן וואָלקנקראַצערס, און וואָס זיינען אַ

מיין אָנזאָג פאַר דעם טומלדיקן ניו־יאָרק, וואָס טראָגן אַריין
אין דעם הוהאַ פון דעם אַלטעגלעכן לעבן אַ נאָטקע פון
אייביקייט, פון וואָרעניש און פון שטילקייט; אויף די בישופ־
דיקע פייערן פון דעם טאַימס־סקווער. איך האָב זיך אויס־
געלערנט צו פאַררייסן דעם קאָפּ אַ יף די מאָדערנע דור=
הפלגה=טורעמס, און צו טאַפּן מיין וועג אין האַלב־חושך,
אין די שמאָלע געסלעך פון אַלטשטאָט, וואָס טרייגקען זיך
צווישן די מאומדיק=הויכע ויענט פון וואָלקנקראַצערס. איך
האָב זיך אויסגעלערנט צוקוקן זיך מיט אַ געמישטן געפיל
פון אָפּשיי און פון פאַרווונדערונג צו די אַלע ניו=יאָרקער
פעלקער — צו די אַזיאַטן, איטאַליענער, יידן, גריכן,
דייטשן, פראַנצויזן, לעוואַנטינער, וואָס האָבן שוין דאָ פאַר=
לאָרן זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, וואָס האָבן זיך אויסגע=
קאָכט אין דעם קאָלאָסאַלן קעסל, זיינען צוגעפאַרבט אַמע=
ריקאַניש, וואָס ווערן נאָך אינטערעסאַנטער אויפן הינטער=
גרונט פון די וואָלקנקראַצערס און פון על, וואָס אין זיי
האָט זיך איינגעלעבט אַ מאָדנער געמיש פון זייער פאָלקס־
טימלעכקייט מיטן אַמעריקאַנער גייסט. און איך האָב זיך
אויסגעלערנט צוצוהערן זיך מיט אַ שאַרפן געהער צו זיי=
ערע משונהדיקע לשונות, וואָס זיינען אויך אַ צענויפגעמיש
פון וואָלקנקראַצער, פון סאָבוויי און פון די בערג, לאָנקעס,
טאָלן און טייכן פון זייערע אַלטע היימען.

און בעת איך האָב געמוזט מיט דעם אַלעמען זיך
געזעגענען, האָט מיר וויגעטאָן די האַרץ. אַ מאָדנע שטאָט
— ניו=יאָרק: ס'איז שווער זיך צוצוגעוווינען צו איר,
אָבער ס'איז אויך שווער פון איר זיך אָפּצוגעוווינען.

# מיטן דאַמפּער „אייראָפּאַ" קיין אייראָפּע

אויפן ברוקלינער ים=ברעג שטייט די 50=טויזנט=טאָניקע מאַכינע פון דער „אייראָפּע", און איר גאַנצער מעכטיקער גוף ציטערט פון דערוואַרטונג און אירע טויזנטער אויגן ברענען פון אומגעדולד און פון לעכצעניש. נאָך אַ ווײַלע — און אונזער אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיך אַ לאַנגע צייט סאַמעטיק געגליטשט איבער אָוונטיקע אַספאַלטיקע גאַסן, פאָרט שוין אַריין אין דעם כישוף=קרייז פון „אייראָפּאַס" פּראָזשעקטאָרן, און שטעלט זיך אָפּ. מיר — איך און מיין מיטפאָרער — גייען אַרויס פון אויטאָ און מיר בלייבן שטיין אין אַ געדיכטן וואַלד אויטאָמאָבילן, וואָס זיינען זיך צענויפגעקומען אַהער פון אַלע עקן פון ניו־יאָרק, און מיר שטופן זיך שוין צווישן דעם מאוימדיקן המון נייגעריקע, וואָס איז געקומען אָנקוקן די ערשטע רייזע פון דער „אייראָפּאַ" קיין אייראָפּע.

בײַם אַריינגאַנג אין דעם האַפן=בנין בודקט דורך אַ באַאַמטער די פּאַפּירן — אַהין ווערן אַריינגעלאָזן נאָר פּאַסאַזשירן, אָדער באַגלייטער מיט דורכגאַנג=דערלויבענישן. און נאָכדעם פירט מען אונז גרופּנווייז אַריין אין גרויסן ליפט און מען הייבט אונז אַרויף ביז אונטערן דאַך פון דער קאָלאָסאַלער געביידע. פון דאָרטן פירט אַ בריק צו דער שיף, וועלכע הייבט זיך אויף פון וואַסער אויף אַ הויך פון בערך אַכט שטאָק.

אין די טיפענישן פון שיף שפּילט זיך אָפּ אַ פיבער=האַפטיקער לעבן. אַלע לויפן אַרום ווי פאַרסמטע מייז, מיט טשעמאָדאַנעס אין די הענט. יעדער זוכט זיין קאַיוטע. שיף=

באַדינער פליען אַרויף און אַראָפּ די טרעפּ, שפּרייזן איבער איין דעק און איבערן צווייטן, די באַגלייטער פלאַנטערן זיך אונטער די פיס, באַקוקן און ווערן נתפּעל פון די ווענט, פון די טרעפּ, פון דער גאַנצער איינריכטונג. און אַלע טומלען, ריידן, שרייען, פילדערן, לאַכן מיט אַ מאָן העכער, ווי עס איז נויטיק. אַלע זיינען אין אַ מין אויפגעשרויפטער שטימונג, ווי שוין פאַר אַ ווייטער נסיעה.

אַ גאַנצן דורכגאַנג פאַרנעמען יידעלעך מיט חסידישע קאַפּעליושן. דאָס זיינען גאַליציאַנער משולחים, וואָס האָבן צוזאַמענגעשנאָרט אין דער גאָלדענער מדינה אַ ביסל געלט, און איצט פאָרן זיי אויף פּסח אַהיים, צו זייער מלוכה. זיי ריידן אויף זייער גאַליציאַנער לשון אַרום דעם ענין אכילה: איינער זאָגט, אַז אויפן שיף איז פאַראַן אַ משגיח, און ס'איז דאָ כּשר, .און די אַנדערע טענהען, אַז מען טאָר דאָ ניט טועם זיין אַפילו אַ כּזית.

— סטאַמטש — זאָגט איינער — יאַך האָב דאָך אַליין געזען דעם משגיח, אַ כּישערער ייד, אַזאַ יונג אויף מעך !

— ווּס אירט מיר זוגן — היצט זיך אַן אַנדע־רער — כאַפּט דער ריח די טאַטשן מיט זייער כּשרות צוזאַמען ! אַז ווער קאָן זאַי גלויבן ?

אין אַ שכנותדיקער קאַיוטע גייט שוין צו לעבעדי־קער. דאָ האָט זיך צוזאַמענגענומען אַ חברה איטאַליענער, און מען מאַכט די אמתע שׂמחה. זיי קענען ניט דערוואַרטן די מינוט, ווען זיי וועלן פאַרלאָזן דעם אַמעריקאַנער ברעג, און זיי איילן זיך שוין מקיים צו זיין די מצווה פון עובר זיין דעם פּראָהיבּישן.

ניט ווייט ווידער, האָט אַ גרופּע רומעניער זיך צע־טאַנצט נאַציאָנאַלע טענץ אונטער די קלאַנגען פון אַ וואָלאַכל, וואָס אַן אַלטער פּויער סקריפּעט אויף אַ פידל.

אין אַ ווײַלע אַרום קומט אַריין אַ מאַטראָס און רופט אויס, אַז אַלע באַגלייטער זאָלן אַראָפּ פון שיף. די הוליאַנקעס פון אַלע זײַטן ווערן מיטאַמאָל ווי אָפּגעהאַקט, און עס הייבט זיך אָן אַ קושערײַ און אַ ווינטשערײַ, און געוויינען און היסטערישע פּיסקעס פאַרהילכן די לופט.

לאַנג ציט זיך אַזוי, און די מאַטראָסן מוזן אָן אַ צאָל מאָל איבערחזרן זייער אויסרוף, ביז דער עולם באַגלייטער רײַסט זיך סוף=כל=סוף אָפּ פון דעם עולם פאָרערס, און אַ לאַנגע שנור מענטשן פאַרלאָזט די שיף.

די אַראָפּגעגאַנגענע גיסן זיך אַריין אין דער גרויסער מחנה מענטשן, וואָס שטייט אויפן ברעג און וואַרט צו זען, ווי די גיכסטע שיף אין דער וועלט וועט אָפּגיין. די מחנה וואַקסט ווי אַ שניי=קויל, דער געזעמל אויטאָמאָבילן פאַרגרעסערט זיך אַלץ. אין יענעם אָוונט איז דער ברעג פון דער 58=טער סטריט אין ברוקלין בלי=ספק געווען דער מענטשן=פולסטער און דער אויטאָמאָביל=געדיכטסטער ווינקל אין ניו=יאָרק.

אום דרײַ בײַנאַכט הייבט דער מעכטיקער קאָרפּוס זיך אָן צו באַוועגן, צעשנײַדט פּאַמעלעך און שאַנעווענדיק די אײַנגעשלאָפענע וואַסערן, און שיקנדיק פאַר זיך אומרויִקע פּראָזשעקטאָרן=אויגן, גייט די „אייראָפּאַ" אַרויס אין אויסט=ריווער.

די שיף הייבט אָן צו גיין גיך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ רעקאָרד=שלאָגער, און ווי אין אַ צערעמאָניאַלן מאַרש גליטשן זיך פאַרבײַ אונזערע אויגן די ברעגעס פון ברוקלין, פון ניו=יאָרק, פון סטעטן=אײַלענד. אַלע מיט זייערע פינטלדיקע פײַערן. מיר לאָזן הינטער זיך די באַלויכטענע „פרײַהייט=סטאַטוע", דיזעלביקע פרײַהייט, וואָס האָט אונז מקבל פּנים געווען אין ניו=יאָרק, און מיר גייען שוין אַרויס אין אָפֿענעם ים.

איצט איז געקומען די צייט צו כאַפּן דעם לעצטן קוק אויף ניו־יאָרק און זיך צו געזעגענען מיט דער ווונדערלעכער, איינציקער שטאָט. מיר שטייען טאַקע אַלע אויפן דעק, טרינקען זיך נאָך איין מיטן לעצטן בליק אין די פייערן פון ברעג, וואָס ווערן אַלץ קלענער און וואָס גיסן זיך אַלץ מער צענויף אין איין שעמערירנדיקער פייער־פינטעלע, און קיינער רעדט ניט קיין וואָרט. אַלע זיינען פאַרזונקען אין געפילן.

און אַזוי ביז באַגינען צו, ביז אַלץ איז שוין פאַרשוונדן, און אַרום איז נאָר וואַסער און וואַסער. דעמאָלט שניידט מען אָפּ די לעצטע נאָפּלשנור, וואָס פאַרבינדט נאָך מיט ניו־יאָרק, און מען גייט אַראָפּ שלאָפן אין דער קאַיוטע.

אויף מאָרגן איז געווען אַ הערלעכער טאָג. די גאַנצע שיף איז געווען אויפן דעק, און דער עולם האָט זיך באַקענט איינער מיטן אַנדערן. ווען נאָך ווערט מען אַזוי גיך היימיש, ווי בעת אַ נסיעה? און עס האָבן זיך באַפריינדעט: טשעכן מיט איטאַליענער, גריכן מיט יאַפּאָניער, אונגאַרן מיט יוגאָסלאַוויער. באַזונדערש יונגעלייט מיט מיידלעך. און אַלע האָבן צוזאַמען געהוליעט, געשפּילט די דעק־שפּילן, געשפּרונגען הינטערווילעכס, זיך כסדר פאָטאָגראַפירט, געפלירטעוועט. נאָר די גאַליציאַנער האָבן זיך געהאַלטן אין אַ באַזונדערער גרופּקע, האָבן פילאָזאָפירט אויף רעליגיעזע טעמעס און האָבן זיך געשפּאַרט.

— אַז כ'זוג אַך, ס'איז ממש חידושים. איצט פאַרשטיי יאַך, ווי טיף דאָ מוז זאַן דער ים. עפּעס אַ קלאַיניקאַט: דער לויתן ליגט דאָך דו, טאַקע דו, אין דעים אָרט!

— עט, ווּס ט'עץ מער נאָך פאַרציילן! — האָט אַן אַנדערער זיך אָנגעבייזערט — דער לויתן ליגט דוּך נור אין ים הגדול, אין אוקינוס, און דו אי דאָך ניט דער אוקינוס.

און ווען עס איז זיי געוואָרן גאָר היימלעך אויפן הארצן, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ חסידישן ריקודל, און דער גאַנצער עולם אויפן דעק האָט צוגעפּליעשקעט מיט די הענט.

און די שיף האָט אָן אויפהער זיך געטראָגן מיט דער גיכקייט פון 28 ים־מײַלן אַ שעה — בערך 50 וויאָרסט. די פיר טורבינעס מיט זייערע 150 טויזנט פערדן־קראַפט האָבן געיאָגט די שיף ווי אַ רוח איבער תהומות, און ווען דער לויתן, וואָס איז געלעגן אונטן, וואָלט אפילו גרויס חשק געהאַט צו דעריאָגן די „אייראָפּאַ“, וואָלט ער דאָס אויך ניט געקאָנט.

אַזוי זיינען געגאַנגען די טעג איינער נאָכן אַנדערן— אינדערפרי און צו מיטיק האָט דער עולם זיך צוזאַמענ־געקליבן אין עלעגאַנטן שפּייזזאַל, וווּ די פלינקע באַדינער האָבן אַרומגעטראָגן מאכלים און משקאות, דער גוטמוטיקער אויבער־קעלנער האָט זיך אַרומגעשפּאַצירט צווישן די טישן, האָט צו אַלעמען געשמייכלט און צוגעקוקט, אויב אַלץ איז אין אָרדענונג, און די גאַליציאַנער חסידימלעך בײַם כשרן טיש האָבן געהאַלטן אין איין טומלען און שרייען:

— יאָך צול ניינצן טולער אַ טאָג, און קאַין עסן באַקים יאָך ניט!

און האָבן אָן אויפהער געפּאַקט צו זיך אין די קע־שענעס געקאָכטע אייער און שטיקער מאַרינירטע הערינג מיט ציטרין — אַ סגולה צו ים־קראַנקהייט.

אין די אונטן זיינען פאָרגעקומען קינאָ־פאָרשטעלונ־גען, און עס האָט זייער אָפט געטראָפן, אַז עמיצן פון די געשפּאַנטע צושויער האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעדאַכט, אַז טשאַרלי טשאַפּלין, אָדער בוסטער קיטאָן, גייען עפּעס מיטן

קאָפּ אראָפּ, און ער האָט אויפגיך געמוזט פּאַרלאָזן דעם זאַל, כּדי ניט שטוציק צו מאַכן די היסטאָרישע ווענט פון דעם גיכסטן דאַמפער אין דער וועלט.

איין טאָג — דעם דריטן פון דער נסיעה — האָבן מיר געהאַט אויסצושטיין אַ שטאַרקן שטורעם, און דעמאָלט זיינען כּמעט אַלע דריי טויזנט פּאַסאַזשירן פון שיף געלעגן אין זייערע בעטלעך, זיך צוגעקוקט, ווי יעדע מינוט ווערט אין זייער קאַיוטע פינסטער פון דער וואַסער־מאַסע, וואָס טוט אַ גזלנישן פּאַטש אינם אומשולדיקן פענסטער, און האָבן פאַרשאָלטן דעם טאָג פון זייער געבאָרן. די קאָרידאָרן זיינען שוואַרץ געווען פון מענטשן, וואָס פלעגן כּסדר לויפן אין די ספּעציעלע ברעך־צימערן. גוט האָבן זיך נאָר געפילט די גאַליציאַנער, וואָס האָבן זיך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעדרייט איבער די קאָרידאָרן אין די זשילעטקעס און יאַרמאָלקעס און אַריינגעקוקט אין יעדער קאַיוטע, טאָמער וועלן זיי זוכה זיין צו זען עפּעס, וואָס מען טאָר ניט. און אויך די דייטשן אויפן שיף, וואָס זיינען געזעסן, געזופט ביר און געזונגען אָן אַ סוף שווערמוטיקע היימאַט־לידער.

אָבער ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען, און אפשר דווקא צוליב דעם, איז די נסיעה אויפן ים וווּנדערלעך. און וואָס גרעסער דער שטורעם, אַלץ פּרעכטיקער איז די רייזע אויפן ים, ווייל וועלכער מייסטער אויף דער וועלט וועט דען קאָנען אויסנייען אַזעלכע הערלעכע שפּיצן, ווי יענעם אומפאַרגלייכלעכן געפלעכט, וואָס דער שטורעם שלאָגט אויף אויף צעבושעוועטע כוואַליעס? און וועלכער סקולפּטאָר אין דער וועלט קאָן דען צוגעבן זיין סקולפּטור יענע סטיכישע דינאַמיק, וואָס באַהערשט אַ שיף צווישן שטורעמדיקע וואַסערן? און הײנט נאָך אויף אַזאַ מין שיף, וואָס עס טראָגט זיך אַזוי ווי אַ רוח איבערן ים. מען

קריגט פליגלען צוזאַמען מיט איר, און די ביינקעניש אַהיים, דאַכט זיך, קאָן זיך אויך ניט טראָגן געכער פון דער שיף.

אַט אַזוי ציען זיך די טעג, ווי אַ שנירל, צווישן שווינדלדיקע און אָטעם=פאַרכאַפנדיקע איבערלעבענישן, ביז עפּעס אומבאַמערקט רוקט זיך אונטער דער פינפטער טאָג, און מיר דערזעען מיטאַמאָל די ברעגעס פון אייראָפּע, די פעלדער פון פראַנצויזישן ברעג, וואָס גרינען זיך אין דער אַפּריל=זון. און אַלע ווערן עפּעס מיטאַמאָל אַנדערש, אַלע דערפילן די לופט פון אַן אַנדער וועלט, און ביי פיל שטעלן זיך טרערן אין די אויגן: זיי באַגריסן די אַלטע מאַמע, די אַלטע אייראָפּע.

איך בין אויך געווען צווישן די, וואָס האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבערן פאָרענטש און געשיקט דעם ערשטן פלאַמיקן גערוס צו אייראָפּע. אַזוי ווי איך האָב מיט פיר חדשים צוריק איר געשיקט אַן אומעטיקן, טרערנדיקן זיי=געזונט.

# אינהאַלט


ווי אַ שיף אויפֿן ים... 5
ביי די טויערן פֿון ניו־יאָרק 14
די טרערן־רעפּובליק אויף עליס־איילענד 20
דער וואַנדער פֿון טאָגטעגלעכקייט 28
עלנטע ווינקעלעך 32
פֿינפֿטע עוועניו 38
אין קבֿר פֿון יידישע גאַסן 45
דער פּריַיז פֿון אַ גאָט 52
פֿון ביידע זייטן וויליאַמסבורגער בריק 58
דער כּישוף פֿון בראָדוויי 63
אַ רחמנות אויף די מיליאָנערן 71
זיין מאַיעסטעט, דער המון 76
שוואַרץ־וויַיס 83
אַן אָוונט ביי די „הייליקע שפּרינגער" 88
די גאַס פֿון ביינקעניש 95
אויף רעקלאַמע שטייט די וועלט 103
צווישן שטומע און ריידעוודיקע שאָטנס 108
אָפּשייד פֿון ניו־יאָרק 113
מיטן דאַמפּער „איירָאָפּאַ" קיין איירָאָפּע 117

פון מארק ראזומני
זיינען דערשינען:

## „הינטערגעסלעך"
דערציילונגען

## „דאָס לאַנד פון טויזנט געשטאַלטן"
רייזע־איינדרוקן

## „אראנעא די שפין"
נאָוועלן

## „פעפ"
פאַריידישונג פון ל. פייכטוואַנגערס לידערבוך

פאַרלאַג „ביכער פאַר אַלעמען", ריגע